STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04133

OYF YENER ZAYT TAYKH

Peretz Hirschbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּרץ הירשביין.

אויף יענער זייט טייך.

אַ דראַמע אין דריי בילדער

קברים-בלומען.

אַ דראַמאַטישער עטיוד.

פערלאַג „די וועלט" ווילנא.

1908.

ПО ТУ СТОРОНУ РѢКИ.—НАДГРОБНЫЕ ЦВѢТЫ.

П. Гиршбейна.

אַלֶע רעֶכטעֶ אויפצופיהרעֶן אויף דער ביהנעֶ ווי אויך איבעֶר־
זעֶטצעֶן בעֶהאַלט דעֶר אווטאָר פאַר זיך.

ВИЛЬНА.
Типографія I. И. Пирожникова. Завальная № 24.
1908.

אויף יענער זייט טייך.

אַ דראַמע אין דריי אַקטען.

די פּערזאָנען:

מנשה, אַן אַלטער פּאַראַמשטשיק. בלינד.

יאַכנע, זיין פרוי.

מירל, זייער אייניקעל.

אַן אונבעקאַנטער.

מענשען.

ערשטעס בילד.

אַ הילצערן שטיבעל ביים ברעג טייך, וועלכעס בעשטעהט פון אַ לאַנג־ליכען צימער און פון אַ קליין חדר'ל לינקס. אַ גרויסער באַק־אייוועןמיט אַ הרובע גלייך ביים אריינקומען. דאָס מעבעל בעשטעהט פון אַ טיש מיט אַ פּאָר בענקלעך נים קיין געפאַרבענע, אַ פּאָר טאַפּטשאַנעס א. ד. גל. — אַרום האַלבע נאַכט. עס לאָזט זיך הערען אַ גערויש פון וואַסער, דאָס קנאַקען פון די קריעס אייז, וועלכע שלאָגען זיך צוזאַמען. דער ווינד רייסט די פענסטער. אַ געל חלב'נעס ליכטעל ברענט און קנאַקט אויפ'ן קאַפּטער איבער דער הרובע.

מנשה (זיצט אַליין ביים אויווען. נאָך אַ לאַנגען שטיל־שווייגען). ווי לאַנג און שווער עס דויערט ביז דער הימער פאַר־נעהמט זיין אָרט! (ווי ער וואָלט זיך צו וואָס צוהערען). דער ווינד פייפט זיך אַלץ ווייניגעס... אַלץ ווייניגעס... מירל, דו שלאָפסט?

מירל (איהר שטימע הערט זיך פון חדר'ל). און איך האָב געמיינט זיידע, אַז דו שלאָפסט שוין — וואָס טהוסטו?

מנשה. וואָס כ'טועה נים, וויל איך דערהערען. ס'פּלאַצט דאָס אייז, קריעס טראַגען, יאָגען זיך איינע נאָך דער אַנדערער... נאָר אין אַזאַ צייט פלעג איך ליעב האָבען פאָהרען אין שיפעל צום אַנדער ברעג. וואו פראָם ווען פראָם, די קריע לויפט ווי נאָך אַ נפש, אָבער פלינקער פון איהר בין איך געווען. איך האָב איהר וועג שטענדיג פערשטאַנען, זי מיינעם קיין מאָל נישט. די גאַנצע קונץ בעשטעהט אין אויסמיידען: מען דאַרף כאַפּען מיט'ן אויג, ווען צו קערעווען רעכטס און ווען לינקס... זאָג מיר, מירל, עס ברענט וואָס אין שטוב?

מירל. אויפ'ן קאַפּטער אַ ליכט.

מנשה. עפּיס טונקעלער ווי שטענדיג זעהט מיר היינט אַלץ אויס דורך מיינע אויסגעלאָשענע אויגען. ווי מיט שוואַרצע פעך וואָלט אַלץ אויסגעפלאַסטערט געווען (גלעט זיין באָרד). אפילו מיין גרויע ווייסע באָרד זעהט אויך אויס שוואַרץ, ווי אין דער יוגענד... אַך יוגענד... יוגענד...

מירל. הערסט, זיידע, ווי דער טייך קעהרט די וועלט? ס'כאַפּט אַ שרעק! וואָס וואָלט זיין, זיידע, ווען דער פראָם וואָלט איצטער אויף איהם געווען?

מנשה. ווי וואָלט ער געווען, מיין קינד?

מירל. אַז מען וואָלט איהם אין חשון ניט אַראָבגענומען פֿון טײַך.

מנשה. וואָלטען איהם די קריעס אײַז אויף שפּענער צושלאָגען... די קריע אײַז איז, אפשר, ניט אַזוי שטאַרק, אָבער אַז דער גאַנצער טײַך טראָגט זי. וואַסער איז ניט קײן קלײניגקײט (טראַכט אַוועילע). דאָס איז ניט פֿאַר דײַן געדײנקען געווען. אינטער'ן בערגעל דאָרט, וואו עס ציהט זיך דער לײמענער פּלאַץ, זענען אַמאָל דרײַ הײַזער געשטאַנען — אײנס האָט צום פּריץ געהערט... און אַז דער טײַך האָט זיך צושפּילט, האָט ער זײ אַלע מיט זיך פֿערנומען... און יענעם יאָהר טאַקי איז עס דער צדיק הורגעפֿאָהרען. זײַן אויג האָט אַלץ געזעהן; זײַן מה האָט אַלץ פֿערשטאַנען... קײן זאַך איז פֿון איהם נישט געווען פֿערבאָרגען...

מירל. איך געה אַרויס, זײדע, צו דיר.

מנשה. שלאָף בעסער, מײַן קינד.

מירל. איך קאָן ניט שלאָפֿען, די פֿענסטער קומען אַרויס צום טײַך. עס רוישט און רײַסט — הערסט דאָך ווי עס פֿײַפֿט, רײַסט דאָס דאָך.

מנשה. אַלץ האָט זײַן אויג בעמערקט. „מיט יענע הײַזער איז גאָר ניט פֿרעהליך", האָט ער צו זײַן גבאי געזאָגט, ווען ער האָט אויף די דרײַ הײַזער אַנ'אויג געוואָרפֿען. „אײנע — זאָגט ער — איז דער פֿונדאַמענט נידריגער פֿון אַלע געבויט און דאָס דאַך שטאַרצט אַרויס העכער פֿון אַלע"... דאָס איז דעם פּריץ'ס הויז געווען...

מירל. ס'האָט אַמאָל געטראָפֿען, זײדע, אַז דאָס וואַסער זאָל אַ פֿראָם פֿערטראָגען?

מנשה. מען דערלאָזט נישט, מײַן קינד; עס וואָלט גרײַליך געטראָפֿען — נאָר מען דערלאָזט ניט. — נאָר צו וואָס צונעהמט מען איהם, ווען דער טײַך הויבט זיך אָן שטעלען? עס האָט אַמאָל יאָ געטראָפֿען, אָבער ס'איז אין מיטען זומער געווען.

מירל (לויפֿט אַרײַן. אײַנגעוויקעלט אין אַ טוך. די האָר צולאָזען). אָט זעץ איך מיר, זײדע, נעבען דיר. שלאָפֿען וויל איך סײַ ווי ניט (טוליעט זיך צום אַלטען). דערצעהל, דערצעהל, ווי איז דאָס געווען, בעת דאָס וואַסער האָט דעם פֿראָם געטראָגען?

מנשה. אין מיטען זומער איז עס געווען. דעם גאַנצען זומער האָט געט'מבולט — אַ הונגער איז טאַקי אין יענעם יאָהר געווען — אַלץ איז צופֿוילט, צושימעלט געוואָרען. און ווען כּדאָ-

בען די רעגענס דערגרייכט נאר ווייט, האט דער טייך זיך צו־שפּיעלט און האט מיט זיך דעם פראם פערלאפּט... יא, איך געדיינק עס נאך ווי היינט...

מירל. עס איז, מסתמא, שעהן געוועזן צו זעהן, ווי דאס וואסער האט איהם געטראגען?

מנשה. ניין, מיין קינד, אזוינע זאכען זענען גאר ניט שען. פון וואסער זאל שוין גאט אליין אויסהיטען (הערט זיך צו. טאפּט ארום זיך). ס'פּייפט, ס'פּייפט... וואו ביזטו מיין קינד? זעץ זיך נאהענטער צו מיר!

מירל. ס'איז דיר קאלט, זיידע?

מנשה. ניין, מיין קינד (גלעט זי)... ווען די ביזט געבארען געווארען האט מיר שוין די ליכטיגע שיין געפעהלט; נאר דיין שאטען האב איך בעמערקט, מיין ליעב קינד. פון א פּיצעל ביזטו שוין, מיט גאט'ס חסד, א גרויסע אויסגעוואקסען — און מיין אויג זעהט דיך נישט. ביזט געראטען אין די מאמע דיינע, דיין מאמע'ס פנים געדיינק איך נאך: שען איז זי געוועזן אין דער יוגענד, ווי די ליכטיגע זון; גוט איז זי געוועזן — גאר קיין גלייכען... (שווייגט א ווייל'ע). אט אזוי האפט א מענש דאס גאנצע לעבען זיינס אויף א שטיקעלע גליק, נאר אז דאס גליק קומט יא, איז שוין דער מענש ניטא... וואס האט דיין מאמע נישט געטהאן, אז דער בורא ברוך הוא זאל זי בענטשען? צדקות איז צדקות; גמילות חסדים, קמעות און ברכות פון גוטע יודען (טאפּט מירל'ען אויפ'ן הארצען).

מירל. וואס טאפּסטו, זיידע?

מנשה. איך טאפּ, צי די קמיע איז גאנץ אויפ'ן הארצען דיינעם.

מירל (שלעפּט ארויס פון בוזעם א קמיע צוגעבונדען צו א בענדעל). אט איז זי, זיידע, צום בענדעל צוגעקניפּט... זאג מיר, זיידע, וואס איז דארט אזוינס אינוועניג?

מנשה. זאלסט עס היטען, מיין קינד, ווי דעם שווארצאפּעל פון דיין אויג (טאפּט די קמיע). דארט איז דיין גליק בעגראבען. דאס איז די שמירה, וואס וועט דיך פון אל־דאס בייז פערהיטען... דיין מאמע איז נישט ווערט געוועזן ביי גאט צו זעהן מיט איהרע אויגען איהר בעגעהר, האט זי דער טויט פערנומען גלייך ווי דו ביזט אויף די וועלט געקומען. איהרע אויגען האבען דיך שוין ניט געזעהן, פערמאכט האט זיי דער טויט... נאר איהר הארץ האט דאס גליק געשפּירט: מיט א שמייכעל איז

איהר פּנים האָט מען זי אין קבֿר געלעגט (טראַכט אַ ווײַלע). איהר האַרץ האָט וואַדאי דאָס גליק געשפּירט: די קמיע פֿון דעם אײַנגענעם צדיק איז אויף איהר האַרץ געהאַנגען און דעם צדיק'ס ווערטער זענען געווים געווען אין איהר האַרצען בעגראָבען...

מירל (קינדעריש). האָט מיך די מאַמע גאָר ניט געזעהן?

מנשה. ניין, מײַן קינד, די אויגען איהרע זענען שוין געשלאָסען געווען.

מירל. צוליעב מיר איז זי געשטאָרבען?

מנשה. צוליעב דיר, מײַן קינד; דו ביזט איהר גליק געווען און איהר אויג האָט דיך שוין מעהר נישט אָנגעזעהן.

(שטיל אַ ווײַלע).

מירל (פֿערטראַכט). צוליעב מיר איז זי געשטאָרבען?

מנשה. פֿאַר פּסח איז עס געווען. דער טײַך האָט ווי היינט גערוישט און געליאַרעמט. דאָס וואַסער איז שוואַרץ געווען און מיט אַ ווײַסען שוים בעדעקט. פֿון יענעם בוימעל, וואָס שטעהט אויף יענער זײַט טײַך אַנטקעגען דעם בריקעל, האָט זיך קוים דער שפּיץ אַרויסגעזעהן. עס האָט זיך, מסתמא, פֿאַר דער צײַט אויפגעהויבען. פֿון מינוט צו מינוט איז דאָס וואַסער געשטיגען און פֿון מינוט צו מינוט איז אין אונזער שטוב דאָס גליק געוואַקסען: דײַן מאַמע האָט געוואָלט אויף איהר האַנד אַ קינד טראָגען; דײַן טאַטע האָט געזוכט אַ טרייסט נאָך זײַן שווערער אַרבײַט — און איך האָב געוואָלט פֿון אײַך אַלעמען נחת האָבען... שטאַרקער און שטאַרקער איז געוואָרען דאָס וואַסער, און אַז דאָס בוימעל האָט זיך שוין אין גאַנצען בעהאַלטען, ווי אַ שרעקליכער ים האָט די גאַנצע געגענד אויסגעזעהן, איז בײַ אונז די שמחה אין שטוב גרויס געוואָרען... דײַן מאַמע איז צו קינד געגאַנגען. מיט דיר, מײַן קינד... (טראַכט אַ ווײַלע). דאָס איז שוין די לעצטע שמחה געווען... אָט ווי איצטער האָט דעמאָלט אויך דער ווינד געפּײַפט... דאָס אײַז האָט געפּלאַצט און געפּלאַצט... און אַז דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען אָבפֿאַלען — האָט זיך שוין דאָס אונגליק גערוקט צו אונז דורך פֿענסטער און טהיר... פֿינף טעג האָט עס געדויערט — פֿינף מורא'דיגע טעג. שמחה אויסגעמישט מיט טויט־שרעק... אונזערע הערצער האָבען געקלאַפּט פֿון שרעק און פֿון הדוה... און אַז דאָס וואַסער איז אין גאַנצען אָבגעפֿאַלען, און שוואַרץ ווי שטענדיג אין די ברעגעס זיך בעהאַלטען — האָט זיך דער בייזער צאָרן אויף דײַן מאַמען אויסגעגאָסען...

מירל (קינדערש צושראָקען). הערסט, זיידע, ווי דער טייך שומעוועט ווידער... פּונקט ווי דו דערצעהלסט... דאָס וואַסער איז אַזוי גרויס! איך האָב נאָך ביי טאָג געזעהן, אַז דער בוים נעבען בריקעל האָט זיך שוין געטונקט אין וואַסער...

מנשה. אַליין האָט דאָס וואַסער פערטראָגען... אַליין מיט זיך פערנומען! ביי דיר — דיין טאַטען, דיין מאַמען; ביי מיר — די שיין פון מיינע אויגען (שווייגט אַ ווײַלע). האָסטו געזעהן, מיין קינד, אַז דאָס וואַסער האָט זיך שוין ביז'ן בוימעל פערנומען?

מירל. געוויס; כ'האָב עס אַליין מיט מיינע אויגען גע=זעהן.

מנשה. איז עס שוין אַרויס פון די ברעגעס?

מירל. געוויס אַרויס פון די ברעגעס — הערסט דאָך ווי עס רוישט... הערסט, זיידע, איך וויל דיר עפּיס דערצעהלען... כ'וויל דיר עפּיס דערצעהלען (גלעט איהם זיין באָרד).

מנשה (נעהמט זי אַרום). איך פיהל אין די הענד מיינע, ווי דו וואַקסט (גלעט איהרע האָר).

מירל. כ'וויל דיר עפּיס דערצעהלען, זיידע!

מנשה. וואָס, מיין קינד?

מירל. נעכטען האָט זיך מיר געחלום'ט...

מנשה. וואָס האָט זיך דיר געחלום'ט, מיין קינד?

מירל. אַז איך שלאָף אויפ'ן פּריפּעטשיק — זומער איז עס געווען. איז געקומען אַ ווייבעל און האָט געוואָלט, ביי מיר די קמיע אַראָבנעהמען. און אַ טשעפּעק איז זי געגאַנגען... זי איז צו מיר אַזוי שטיל צוגעגאַנגען... אפשר איז עס די מאַמע געווען?

מנשה. געוואָלט די קמיע אַראָבנעהמען?

מירל. יאָ.

מנשה. פון האַרצען?

מירל. אודאי פון האַרצען; איך בין געלעגען מיט'ן פנים אַרויף.

מנשה. פאַר וואָס האָסטו עס מיר באַלד ניט דערצעהלט?

מירל. דער באָבען האָב איך דערצעהלט; איך האָב מיט איהר געשלאָפען... הערסט, זיידע, מיר ווילט זיך אַמאָל... (שווייגט).

מנשה. וואָס ווילט זיך דיר, מיין קינד?

מירל. מיר ווילט זיך אַמאָל עפענען די קמיע און זעהן, וואָס אינווייניג איז.

מנשה (ציטערט אויף). מיין קינד! וואס האסטו געזאגט?!

מירל. טאקי, מיר ווילט זיך עס אמאל טהאן; עס הייגנט אויפ'ן האלז... איך וויל אמאל וויסען, וואס איז דארט אינוועניג... צו וואס הייגנט עס?

מנשה. דאס איז עס צו דיר דיין מאמע צו חלום געקומען. מען האט זיך דערוואוסט, אז די ווילסט א גרויס פֿערברעך בעגעהן. מען האט עס איהר אין הימעל אנגעזאגט. נישט אומזיסט איז דיין חלום געווען, מיין קינד. א שלעכטער געדאנק האט זיך דיר אין הארצען פֿערגנב'עט... כוועט דיר נאך דער טאטע דיינער אויך צו חלום קומען... עס קאן, חלילה, דעם גאנצען הימעל אויפֿריהרען.

מירל. הער, זיידע, די מאמע איז אין א טשעפּעק געגאנגען?

מנשה. ס'איז נישט בעשטימט, ווער דער צדיק איז געווען... די ליכטיגע זין צינדט זיך מיר אן פֿאר מיינע אויסגעלאשענע אויגען און איך זעה ווי ביי טאג — ווען נאר איך טראכט וועגען זיין נאמען... מיט זיין דורכפֿאהרען האט ער אונז מיט איין האנד געבענטשט און מיט דער אנדערער געשאלטען... מיט איינער געשטראפֿט און מיט דער אנדערער געטרייסט. נאר פֿון זיין ליעבען נאמען מוז מען אלץ מיט הדוה פֿערנעהמען... ניט אויפ'ן הארצען — נאר — אין הארצען זאלסטו די קמיע בעגראבען: דאס איז דאס גליק דיינס... הימעל און ערד קאנען, חלילה, אויפֿציטערן, ווען דו וועסט בעריהרען וואס אינוועניג איז (ער הויבט זיך אויף און געהט צום פֿענסטער).

מירל (קוקט איהם נאך צושראקען). וואוהין געהסטו, זיידע?

מנשה (קוקט אין פֿענסטער). עפּיס מעהר ווי שטענדיג רוישט דאס וואסער...

מירל. זעהסטו וואס, זיידע?

מנשה. אויסגעלאשען איז מיר דאס ליכט, מיין קינד. ליכטיג איז מיר נאר, ווען זיין הייליגער פּנים שטעלט זיך פֿאר מיינע אויגען... עפּיס מעהר ווי שטענדיג רוישט דאס וואסער.

מירל. כ'האב מורא, זיידע! וואלט די באבע ניט אוועק אין דארף אריין.

מנשה. ניט האב קיין מורא, מיין קינד, זיין הייליגער נאמען וועט דיך געוויס בעשיצען... פֿריהער מוז דאס אונגליק קומען, דערנאך קומט דאס גליק... דער צארן האט זיך שוין

זײַניגעס אָבגעטהאָן: צו אַטויטען בין איך געגליכען, אָהן אויגען — וואָס קאָן זײַן האַנד מיר נאָך טהאָן? מײַן טאָכטער האָט ער פֿון מיר צוגענומען, און דײַן טאַטען האָט דער טײַך פֿערנומען... מיט מיר איז שוין געעקט אין פֿאַר דיר איז גאָט'ס חסד געגרייט... דײַנע לעצטע ווערטער... איך געדיינק זיי נאָך... (שווייגט אַ ווײַלע). עפּיס מעהר ווי שטענדיג רוישט דאָס וואַסער.

מירל. אפשר, זיידע, דערפֿאַר, וואָס כ'האָב... וואָס כ'האָב...

מנשה. דײַן האַרץ איז נאָך ריין... דײַן מחשבה אונשולדיג... קינדער שטראָפֿט מען נאָר פֿאַר די זינד פֿון טאַטע-מאַמע... דײַן מאַמע איז ריין ווי אַ מלאך אויף יענער וועלט געגאַנגען; דײַן טאַטע איז אַ קדוש געשטאָרבען... דיך האָט נאָך דער, וואָס אין הימעל ניט פֿאַר וואָס צו שטראָפֿען... (געהט צו מירל'ען טאַפּט איהר). ביזט וואַרעם אָנגעטהאָן? אין שיך, צו באָרוועס ביזטו?

מירל. וואָס מײַנסטו, זיידע?

מנשה. כ'וויל, זאָלסט מיר אויף דער גאַס אַרויספֿיהרען; כ'וויל זעהן, ווי דאָס וואַסער האַלט!

מירל. כ'וועל מײַנע שיך אָנטהאָן. נאָך אין דער פֿריה איז דאָס בוימעל ביז די צווייגען אין וואַסער געשטאַנען (געהט אין צווייטען צימער. דער ווינד רײַסט מורא'דיג).

מנשה. דער ווינד שטאַרקט זיך פֿון מינוט צו מינוט (קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט וואָס געזעהן אַרום זיך. צו זיך אַליין). זײַן פּנים ווײַזט זיך ווידער פֿאַר מיר... ווי די ליכטיגע זון שײַנט ער... עפּיס מעהר ווי שטענדיג רײַסט דער ווינד... וואו ביזטו, מײַן קינד?

מירל (געהט אַרויס). קום, זיידע, האַלט זיך אָן אָן מיר.

מנשה. עס מוז שוין געווים זײַן אַרום האַלבע נאַכט. קיין איין האָהן אין דער גאַנצער געגענד נישטאָ. היימליכער ווערט עס אין אַ פֿינסטערער נאַכט, ווען אַ קריי פֿון אַ האָהן הערט זיך... פֿיעל בעדײַט אין אַ פֿינסטערער נאַכט דאָס קרייהען פֿון אַ האָהן...

מירל. זיידע! עפּיס פֿון דײַנע ווערטער הײַנט האָב איך זיך גענומען שרעקען, כ'האָב מורא.

מנשה. פֿאַר וועמען שרעקסטו זיך, מײַן קינד?

מירל. כ'ווייס אַליין ניט פֿאַר וואָס. עפּיס דער ווינד... דער טײַך עפּיס, כ'ווייס אַליין ניט פֿאַר וואָס...

מנשה. דיין צעטעל איז פון איהם אליין בעזיכערט. פיהרסטו מיך אויף דער גאס?

מירל. דו האסט, זיידע, קיין מאל אזוי נים גערעדט ווי היינט.

מנשה. יעדעס מאל, ווען דאס אייז פלאצט אין די קריזעס שווימען, ווען דאס וואסער לאפט זיך איבער די ברעגעס ארויס,ווארט איך אויף דעם גורל, דיינעם און מיינעם, מיין קינד... פיהר מיך אויפ'ן גאס.

מירל. קום, זיידע, איך פיהר דיך (נעהמט איהם פאר'ן האנד).

מנשה (גלעט זי). ביזטו ווארעם אנגעטהאן? דער ווינד רייסט... (זיי געהען ארויס. דאס פייפען פון ווינד ווי אויך דער גערויש פון וואסער שטארקט זיך. דאס פייער פון ליכט לעשט זיך פון ווינד).

(פויזע).

מנשה (זיין שטימע הערט זיך פון אונטער'ן טהיר. אינ־חיהיג). דאס איז גאר נים פאר מיין געדיינקען (ער קומט אריין. נאך איהם מירל זעהר צושראקען).

מירל. זיידע? דאס וואסער וועט באלד אין שטוב אריין... לאמיר אנטלויפען פון דאנען — כ'האב מורא! וואס האסטו גע־לאזט, די באבע זאל אין דארף אוועקגעהן?

מנשה (שטעהט צושטרייט). דאס איז גאר נים פאר מיין געדיינקען... מירל, האסטו גיט נאכגעזעהן? אפשר האט עס זיך דיר נאר געדוכט? איז דאס וואסער טאקי אזוי גרויס?... (טראכט א ווייל). וויל דער טייך מיינע פיער ווינקעלעך פערטרא־גען? מירל! פיהר מיך אויפ'ן גאס, כ'וועל אליין מיט מיינע הענד אנטאפען... איך גלויב עס נישט... פיהר מיך!

מירל. האסט דאך געזעהן; ווייטער האב איך דיך שוין נים געקאנט פיהרען... מיינע שיך זענען פול מיט וואסער — די פיס אויך פערנעצט...

מנשה. וואוהין זאל איך מיט דיר געהן?... דו ביזט מיין שוין געבליבען (שטעהט אין מיטען שטוב פערצווייפעלט). אויף איין מינוט קעהר מיר, רבונו של עולם, אום דאס ליכט פון מיינע אויגען... נאר אויף איין מינוט!

מירל. לאמיר, זיידע, גיכער אוועקגעהן פון דאנען.

מנשה. האלץ צו האלץ האב איך צוזאמענגעטראגען און די ווענד געבויט, שטרוי צו שטרוי האב איך צוזאמענגעקליבען

אין דאס דאך געדעקט... דא איז מיין גליק געבארען געווארען און דא איז מיין אינגליק אויסגעוואקסען... אויף איין רגע מיר די שיין קעהר אום, רבונו של עולם!

מירל. פון אלע זייטען איז פינסטער — כ'וועל אפשר ניט טרעפען, ווי פון דאנען ארויסצוקליבען זיך; וואוהין, זיידע, זאלען מיר געהן?

מנשה. לאז מיך, מיין קינד; צו דען קאן עס געשיקט זיין, אז דאס וואסער זאל ביז מיינע ווענד דערגרייכען?! כ'מוז עם אליין מיט מיינע הענד אנטאפען... פיהר מיך, מירל, נאך אמאל אויפ'ן גאס ארוים (עס גיט א שטארקען קלאפ אין וואנד).

מירל. זיידע, כ'האב מורא! הערסט? עפים האט אין וואנד א שטארקען קלאפ געגעבען (שפרינגט אב מיט שרעק פון פענסטער). עפים האט אין פענסטער אקיק געגעבען... קום אוועק, זיידע, פון דאנען, כ'האב מורא...

מנשה. וואס, מיין קינד, האט זיך דיר געדוכט?... וועמען האסטו אין פענסטער געזעהן?... וואו ביזטו?...

מירל. כ'האב מורא — מיר דוכט זיך... עפים רעדט, איך הער... ווערסטו הערען... מיט'ן ווינד... די האסט פריהער גערעדט אין איצטער דוכט זיך מיר אוים (צושטרייט).

מנשה. איך קאן די שטוב ניט פערלאזען... איך טאר עס נישט טהאן... דא מוז זיך דאס גליק באווייזען... וואו ביזטו, מיין קינד?

מירל. איך האלט פערמאכט די אויגען, איך זאל ניט זעהן די פענסטער... עפים אמענש ווייזט זיך אין דער פינסטערניש (עס גיט א צווייטען קלאפ אין וואנד).

מנשה. וואס זאל עס בעדייטען?... ווער קלאפט עס?... אפשר האט זיך אזוי פיעל דאס וואסער געשטארקט, אז די קריעס איז קלאפען שוין אין מיין שטוב... זאל דאס וואסער מיט אזא גיכקייט וואקסען... כ'האב עס גאר מורא צו טראכטען. פיהר מיך אויפ'ן גאס, מיין קינד!...

מירל. כ'וועל, זיידע, ניט געהן — עס שרעקט מיך... כ'קאן זיך פון ארט ניט רירען, די פיס זענען מיר ווי אינטערגעהאקט...

מנשה. ווען דאס גרעסטע אומגליק, האט ער געזאגט, וועט קומען, דעמאלט וועט זיך דאס גליק באווייזען... ווער וויים דעם גרונד צום אומגליק?!... וואו איז דער סוף? ווען מיין טאכטער איז געשטארבען, האב איך געמיינט, אז כ'האב שוין דעם בעכער ביז

צום גרונד געטרונקען... איז ביי מיר די שיין פון מיינע אויגען אויסגעלאָשען געוואָרען... האָט דער טייך דיין טאַטען פערנומען... דאָס איז געווען אַוואונק פון זיין לעבען נאָמען, אַז כ'האָב נאָך נישט גע'פטר'ט... צו אַלץ איז דאָ אַגרונד... צו די השכ'דיגע ערטער אין טייך איז אויך אַגרונד צו געפינען...

מירל. ווידע, שוויג! בעסער שוויג... ווען דו רעדסט, פאַלט אויף מיר אַנ'אימה אָן... איך האַלט פערמאַכט די אויגען, איך זאָל מעהר ניט זעהן. מיר הילכט, איך זעה... איך זעה די מאַמע... בעסער שוויג!...

מנשה. מיין קינד! עפען דיינע אויגען... מיר האָט דער וואָס אין הימעל מיינע אויגען פערלאָשען... דיר האָט ער דאָס ליכט געשיינקט... עפען די אויגען דיינע אין פיהר דיין ווידען אויף דער גאַס אַרויס... פיהר מיך... וואו ביזטו? (טאַפּט).

מירל (הוקט זיך צום וואַנד). שטעה אויף אַנ'אָרט, ווידע! כ'האָב מורא...

מנשה. ווער שרעקט דיך, מיין קינד?

מירל. כ'האָב פאַר דיך אויך מורא, פאַר דיך... כ'וועל צו דיר ניט געהן... דו האָסט... דו רעדסט, און איך... שוויג בעסער!...

מנשה. וואָס איז מיט דיר?! איך דערקען נישט דיין קול! דיין קול איז פערענדערט געוואָרען, עס קלינגט אין איהם אימת-מות... וואו ביזטו? נעהם מיך פאַר'ן האַנד; דאָס איז דאָך דיין ווידע, וועלכען דער, וואָס אין הימעל האָט געשטראָפט פאַר אייך אַלעמען... דיין נשמה איז ריין... דאָפעלט ריין איז דיין נשמה... פאַר איהר זענען אַלע ערב געווען: דיין מאַמע מיט איהרע יונגע יאָהרען... דיין טאַטע מיט'ן גאַנצען לעבען זיינעם און איך מיט מיין שיין... קום צו מיר...

מירל (שטעהט ביים וואַנד בלאַס אין קוקט איהם אָן אָהן ווערטער).

מנשה. וואו ביזטו?... וואָס הופסטו זיך נישט אָב?... (קוקט מיט זיינע אויסגעלאָשענע אויגען אין אַלע זייטען). מיין קינד, וואו ביזטו?! פאַר וואָס איז דיין זיס קול אַנטשוויגען געוואָרען?...

מירל. ווידע! מאַך צו דיינע אויגען, איך שרעק מיך פאַר זיי... זיי זענען עפּוס פינסטער... קוקען אויף מיר פינסטער... פערמאַך...

מנשה. איך זוך דיך, מיין קינד. איך קוק אין דעם ווינ-

קוועל, וואו עס שײַנט ווי אַן אָפּשלאָג פֿון דער ליכטיגער זון. פֿון דער קמיע אויף דײַן האַרצען פֿון זײַן ליעבען נאָמען שלאָגט צו מיר אַ וואַרימע ליכטיגקייט. און איך הויב אָן זעהן יעדען ווינקעל פֿון מײַן שטוב, וועלכען איך האָב מיט מײַנע הענד געבויט. איך זעה יעדעס שטיקעל מעבעל אין זײַן ריכטיגער פֿאַרב. (געהט צום אָרט, וואו מירל שטעהט). אָט זעה איך דיך, מײַן ליעב קינד, איך זעה, ווי דו שטעהסט און ציטערסט. דײַן נשמה איז ריין, הייליג דאַרפֿסטו זײַן...

מירל (רוקט זיך צום וואַנד אין דער שטיל).

מנשה. וואָס בעדײַט עס, מײַן קינד? ווילסטו דײַן אַלטען זיידען פֿערלאָזען? קום, איך וויל מיך אָן דיר אָנהאַלטען. דײַן נשמה איז ריין — בעשיץ מיך אויך. איך זעה אויף דײַן האַרצען ווי גן־עדן ליכט... די שטראַהלען פֿון זײַן ליעבען נאָמען.

מירל (קוקט מיט גרויס שרעק אויף איהר קמיע). זיידע, איך ריהר עס!

מנשה. איך פֿערשטעה ניט, מײַן ליעב קינד, וואָר עס רעדט אין דיר... קום, נעהם דײַן אַלטען זיידען אָן, צו וועלכען דו האָסט זיך נאָר וואָס געטוליעט.

מירל. אָבער איך קאָן ניט אויסהאַלטען (פֿיהרט איהר האַנד אויפ'ן האַרצען).

מנשה. מײַן קינד! איך שפּיר, ווי די גאַנצע ערד ציטערט אונטער מיר! די הימלען ברעכען זיך!...

מירל (געהט שטיל אַרײַן אין צימערל).

מנשה. איך הער, ווי דער טײַך בײַזערט זיך, מיט ווײַסען שוים איז דאָס גאַנצע וואַסער בעדעקט... דאָס וואַסער וואַקסט (געהט אין צימערל). וואו ביזטו, מײַן קינד? זאָל דיר דײַן מאַמע קומען צו הילף — איהר נשמה איז שוין געלײַטערט געוואָרען אין הימעל... זאָל דײַן טאַטע דיר צו הילף קומען — ריין איז זײַן נשמה, הייליג איז ער אויפ'ן הימעל אַרויף...

מירל (רוקט זיך מיט שרעק אַרויס פֿון צימערל און קריכט אויף די הויבע).

מנשה (אין צימערל). מײַן קינד, וואו ביזטו? איז דײַן קול אין גאַנצען פֿערשטומט געוואָרען? דריק צום האַרצען די קמיע; פֿערבאָרג אין האַרצען די הייליגע סודות און רמזים (געהט אַרויס).

מירל (וויל אַראָפּרײַסען פֿון האַרצען די קמיע. בלײַבט זיצען פֿערצווייפֿעלט).

מנשה. דאָס גאַנצע ליכט האָט זיך פֿאַר איין מאָל

אויסגעלאָשען!... איך שפּיר, אַז די ערד האָט אַ ציטער געטהאָן... מיין קינד! וואו ביזטו?! וואָס שווייגסטו?! דו האָסט וואָס מורא׳דיגעס בעשטאַנען — כאַפּ זיך צוריק! דו האָסט בעריהרט דאָס ליכט פון דיין האַרצען (טאַפּט אינרוהיג פון אַלע זייטען). וואו ביזטו? וואָס האָסטו געטהאָן (עס גיט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין וואַנד). די ערד ציטערט פאַר צאָרן... דער טייך בייזערט זיך... בייזע רוחות, הער איך, האָבען זיך גענומען אַרום מיין שטוב טראָגען (טהאַלט אוויילע). ס׳איז פינסטער אַרום; אפשר האָט זי גאָר די שטוב פערלאָזען?... איך האָב אָבער דאָס סקריפּען פון טהיר נישט געהערט... מיין קינד! (עס גיט ווידער אַ קלאַפּ אין וואַנד). הייליגע מלאכים! קומט ראַטעוועט מיר מיין קינד! (טאַפּט מיט זיינע פיס). דאָס וואַסער אונטער מיינע פיס!... טרייבט עס דער טייך זיינע כוואַליעס צו מיר אין שטוב אַריין?...

מירל (מיט אַ ווילד געשריי). זיידע! עס פליצט דאָס וואַסער אין שטוב אַריין!

מנשה. דו האָסט דעם הימעל איפּגעריהרט: דער בעכער פון צאָרן גרייט זיך. כ׳וועל נאָך פּרובען אַליין פון דאַנען דעם וועג זוכען, כ׳וועל מיך אפשר ביז צום בערגעל דערשלאָגען. (ער עפענט דאָס טהיר, דאָס וואַסער רייסט זיך אַריין אין שטוב. מיט שרעק). דאָס וואַסער פליצט איבער מיינע פיס!.. (ס׳פייפט שטאַרק דער ווינד. די טהיר איז אָפען. דער ווינד פערלעשט דאָס ליכט).

מירל. זיידע! דו האָסט דאָס ליכט פערלאָשען! מיר זיצען אין דער פינסטער... באָבע! באָבע! מיר טרינקען זיך, באָבע!

מנשה. (ריקט זיך צו דער הריבע). העלף מיר! דיין ליכטיגער פנים שיינט פאַר מיר ווידער... קומט איהר, הייליגע מלאכים!

מירל. (שטיל). זיידע, שווייג, שווייג... כ׳זעה, וואָס הירכ׳ן פענסטער... כ׳זעה, ווי דאָס וואַסער הויבט זיך; שווייג, שווייג... באָבע! באָבע! מיר טרינקען זיך!

מנשה. (מיט אַ ליטערער שטים). עס ווערט ליכטיגער אַרום. איך זעה, ווי עס עפענען זיך די הימלען... איך זעה זיין ליעבען נאָמען, ער קומט מיר צו הילף... איך בין זיכער... איך בין זיכער... וואו ביזטו, מיין קינד? (דער ווינד פייפט. די קריעס קלאַפּען אין וואַנד).

מירל. זיידע! איך אַנטלויף! (זי שפּרינגט פון דער הריבע, עס הערט זיך אַ פּליעסק פון דעם וואַסער).

מנשה. איך געה נאָך דיר, מיין קינד, איך געה נאָך דיר (שטיל. ווייכע שטראַהלען הויבען אָן צו שלאָגען אין שטוב אַריין

דורכ'ן פענסטער. דאָס וואַסער אין שטוב ווערט בעלויכטען ווי פון דעם שיין פון דער לבנה).

מירל. איך זעה עפּעס רופט אונז... מאַכט מיט די הענד... ווינקט... רופט...

מנשה. איך שפּיר, ווי וואַרעמע שטראַהלען פאַלען אויף מיין קאַלטען קאָפּ...

מירל. מען ווינקט צו אונז, מיר זאָלען גיכער געהן.

מנשה. איך הער, ווי דיין קול קלינגט ווידער יונג און פריש ווי פריהער...

מירל. (געהט צום פענסטער). מיט אַנגעצונדענע פלאַמען שטעהט מען פון ווייטען און מען ווינקט.

מנשה. איך זעה, ווי ס'ווערט טאָג אַרום אונז...

מירל. לאָמיר גיכער אַרויסגעהן, דאָס וואַסער נעצט מיר שוין מיינע נאַקעטע קניה. איך געה דורכ'ן פענסטער, גלייך צו די פייערען.

מנשה. מיינע אויגען זעהען מיר שוין אינגאַנצען בעלויכטען... דאָס איז ער מיט זיינע שלוחים דיר אַנטקעגען געקומען — געה גלייך אַנטקעגען די פייערען...

מירל. (עפענט דעם פענסטער און קריכט אַרויס).

מנשה. (קלייבט זיך צום פענסטער). דאָס גליק הויבט זיך פון היינט אָן... וואָרעם איז מיר צווישען די קריעס אייז... ליכטיג — אין דער פינסטערער נאַכט... מיין קינד, פערלאָז מיך נישט!.. (ער קריכט אַרויס. שטיל. די שיין ווערט פערשוואונדען. חושך. דער ווינד רייסט דורך די פענסטער און טהיר. קריעס קלאַפּען פון אַלע זייטען. עס קנאַקען די ווענד. עס פאַלט די סטעליע. עס הערט זיך אַ גרויס גערויש פון דעם וואַסער און מיט שרעקליכען ליאַרעם פאַלט די גאַנצע שטוב איין).

(פאָרהאַנג).

צווייטעס בילד.

נאכט. דער ווינד טרייבט שטיקער וואלקען. פון צייט צו צייט רייסט זיך ארויס פון צווישען די וואלקען א בלייכער שיין פון דער לבנה און עס בעווייזט זיך ניט קיין הויכער בארג בעוואקסען וואו ניט וואו מיט בוימלעך. עס הערט זיך דאס פליעסקען פון וואסער. פון צייט צו צייט טראגען זיך מיט׳ן ווינד פון „ווייטען אויסגעשרייען, מאנכע טרויעריגע, מאנכע רופען צו הילף. שטיל.

מנשה. (זיין קול דערנעהנטערט זיך אלץ צום בערגעל). עלענד... עלענד, נאר איך מיט מיינע אויסגעלאשענע אויגען. (מיט שמחה.) וואס איז עס? טרוקען! כ׳האב מיך צו א בארג דערשלאגען... הייליגע מלאכים! איהר האט מיך ניט פערלאזען... בארג אויף געהט עס אלץ. טרוקענע ערד. העכער ביז צום שפיץ וועל איך זיך פערקלייבען, וואו כ׳וועל שוין אינגאנצען זיכער זיין. (אין דעם בלאסען שיין פון דער לבנה בעווייזט ער זיך אויף דעם שפיץ בערגעל).

מירל. (געהט איהם נאך שטיל).

מנשה. (ציטערט פון קעלט). דאך וואכער צו מיין לייב דערשלאגען — אן אלטער פאראמשטשיק... כ׳האב שטענדיג געוואוסט, ווי פון ביין זיך אויסמיידען, כ׳וועל מיינע פערפרארענע פיס און די איבעריגע טיילען גוף ווארעמען. (הערט זיך צו).

מירל. (געהט אב אן א זייט און זעצט זיך שטיל, ציטערט פון קעלט).

מנשה. זאל איך אפשר פרובען שרייען... פון ווייטען הערען זיך קולות. זאל עס איהר קול זיין? זי האט דעם גאנצען הימעל איבערגעריהרט. (שווייגט א ווילע). וואס ווארימער עס ווערען מיר מיינע גלידער, אלץ מעהר פיהל איך, אז עס פעהלט מיר וואס... מיט איהר צוזאמען בין איך נאך הינט׳ן פענסטער געקראכען... דארטען האט זיך נאך מיין גוף אן איהרען אנגעריהרט. אין וועלכע זייט האט איהר דער רוח פערטראגען? (ס׳הערט זיך א פליעסק אין וואסער). זאל זי דארט זיין? מירל!.. מיין קינד, מירל!.. איך האב די געשראקען מיט מיינע רעד, זי האט מיך געשראקען מיט איהר געדאנקען. (ווײנט זיך פאנאנדער). זיכער בין איך פון וואסער, אבער ניט זיכער איז מיין הארץ געבליבען... נישט גאנץ איז מיין נשמה געבליבען. עס פעהלט מיר, אלץ פעהלט מיר... דאפעלט ווארימער וואלט מיר איצט זיין, ווען זי וואלט מיט מיר געווען... איהרע

אויגען האָבען דאָפּעלט געלויכטען, געשיינט פֿאַר מיינע אויך. איהר יונגענד האָט מיר מיין עלטער פֿערטריבען, יונג איז זי שוין פֿאַר מיר אויך געווען... מירל!... מיין קינד!... (שווייגט).

מירל. (געהט צו נעהנטער, שטעלט זיך אַנטקעגען דעם אַלטען).

מנשה. (ווייִנט שטאַרקער). וואו איז פֿערפֿאַלען געוואָרען דער שיין, נאָך וועלכען איך בין אַזוי זיכער געגאַנגען?... קעהר מיר צוריק אום מיין קינד!... וואַרימער ווערט מיר, ווען איך טראַכט פֿון איהר, דאָפּעלט וואַרימער וואָלט מיר אַצונד זיין, ווען זי וואָלט געזעסען נעבען מיר (ציטערט פֿון קעלט. ווייִנט אין דער שטיל).

מירל. (שטיל). זיידע, וואָס ווייִנסטו?

מנשה. האַ?... וואָס?... ווער רעדט?... דאַכט זיך אַ קול... (הערט זיך צו. די לבנה גיסט איהם אָב מיט אַ מאַטען שיין). סגיסט זיך ליכט איבער מיין אַלטען קאָפּ. ברייטער וועל איך מיינע אויגען עפֿענען, אפֿשר וועל איך פֿאָרט האָס זעהן... ווער רעדט?.. וואו בין איך?.. (ער הויבט זיך אויף). העכער, אָבער אַלץ פֿינסטער. מיין געדאַנק האָט מיך גענאַרט... אפֿשר האָט זי צו הילף גערופֿען?... דער ווינד האָט איהר קול געבראַכט אין הייסט מיר געהן זי ראַטעווען?... (פּרובט געהן אין פֿאַלט גלייך). געפֿראָרען די פֿיס, ביז די קניה געפֿראָרען... דאָס לייב פֿערגליווערט... דאָפּעלט עלענד... דאָס האַרץ שמעלצט זיך... די לעצטע טרעהרען... דאָס לעצטע מאָל ווייִנט דאָס האַרץ מיינס (ווייִנט).

מירל (שטעלט זיך נאָך נאָהענטער). ווייִן ניט, זיידע.

מנשה. מירל! דיין קול איז עס? ביזטו נאָהענט נעבען מיר? „זיידע" האָט מיין אויער פֿערנומען... זאָל נאָך אין מיינע געדאַנקען קלינגען דער ווידער־קול פֿונ׳ם פֿריהערדיגען רופֿען?... כ׳וועל פּרובען אויף אַלע פֿיער קריכען (קריכט).

מירל. כ׳בין ניט ווייט פֿון דיר, זיידע.

מנשה. מיין קינד! איך הער קלאָר דיין קול. ער ציטערט... דיר איז קאַלט — קום צו מיר: איך וועל דיר ביי מיין אַלטען האַרץ אָנוואַרעמען. קום, כ׳וויל דיר די לעצטע שעה׳ן מיט מיינע הענד אַרומנעהמען, מיין קינד.

מירל. מיר איז שטאַרק קאַלט, זיידע...

מנשה (מיט גרויס שמחה. ער הויבט זיך פֿון אָרט אין פֿאַלט צוריק). מיין קינד, איך קאָן צו דיר נישט געהן, קום צו

מיר... מײַן לעצטען פֿונק װאַרעמקײט װעל איך דיר אַװעק־געבען.

מירל. שרעק מיך ניט, װעל איך געהן צו דיר.

מנשה. איך הער, װי די ציטערסט פֿון קעלט — ערנעהענ־טער זיך צו מיר...

מירל (זי װאַרפֿט זיך אין זײַנע אָרעמס). אָט בין איך, זיידע, װאַרעם מיך! (ציטערט).

מנשה. ביז די קניה זענען שױן מײַנע פֿיס פֿאַרפֿראָרען. צו מײַן האַרצען װעל איך דיך דריקען. בעהאַלט די הענד דײַנע. גיב מיר דײַנע פֿיס, כ'װעל זיי מיט מײַן הױך דערװאַרימען...

מירל. װאו זענען מיר, זיידע?

מנשה. װײַט פֿון דעם װאַסער שפּיר איך, נאָר פֿון דעם װינד נישט בעשיצט. איך בין געגאַנגען נאָך דעם שײַן, װאָס האָט פֿאַראױס מיר דעם װעג בעלױכטען, און די האָסט מײַנע אױסגע־לאָשענע אױגען פֿאַר אַ װעגװײַזער גענומען... איז דיר װאַרעם, מײַן קינד?

מירל. בײַ דיר אונטער די פּאָלעס איז אױך קאַלט. דער װינד בלאָזט דאָרט אױך.

מנשה. נעהענטער צום האַרצען טוליע זיך.

מירל. איך האָב געהערט, װי אונזער שטוב איז אײַנגע־פֿאַלען — װאו װעלען מיר איצטער געהן?

מנשה. מיר װעלען אונזערע נשמות אין לײַבער צו גאָט איבערגעבען.

מירל. דו ביזט גלײַך געגאַנגען, װי דו װאָלסט קלאָר דעם װעג געװאוסט.

מנשה. דער גוף װערט מיר אַלץ קעלטער און קעלטער און דאָס האַרץ װאַרעמער און װאַרעמער.

מירל. אַז עס װעט טאָג װערען, װעלען מיר געהן אונ־זער שטוב זוכען.

מנשה (ציטערט אױף). מײַן קינד! דאָס אומגליק איז גרייט!

מירל. שרעק מיך ניט. איך װיל מיך אָנװאַרימען.

מנשה. איך שפּיר, אַז דײַן האַרץ איז אין גאַנצען גע־שטאָרבען...

מירל. זיידע, איך װעל צוריק אין װאַסער לױפֿען — רייד ניט!

מנשה. איך שפיר, אז א שטיק אייז האלט איך פעסט צו מיין הארצען געדריקט.

מירל. איך וועל געפרוירען; רייד צו מיר ווי אין שטוב, כ׳וויל מיך אנווארעמען.

מנשה. עס קיהלט מיר מיין הארץ... עס פריהרט... קאלט... קאלט...

מירל. שווייג, זיידע, רעד קיין ווארט ניט... איך וועל מיינען, אז די שלאפסט און איך ווארעם מיך נעבען דיר.

מנשה. נעהם מיינע הענד און פיהר זיי אויף דיין הארצען... איך קאן מיט זיי ניט ריהרען... איך וויל זעהן... איך וויל...

מירל. שווייג... שווייג... שווייג...

מנשה. איך וויל האבּ אמת׳ע פייער אויף דיין הארצען געפינען.

מירל. איך האב די קמיע אין וואסער פערלארען.

מנשה (שרייט אויס). פערלארען?!

מירל. עמיצער האט זי ביי מיר פון הארצען אראבגעריסען... כ׳האב מיר געשראקען.

מנשה (פערצווייפעלט). פערלארען... פערלארען... פערלארען...

מירל (שפרינגט אב פון אידם).

מנשה. פערלארען, פערלארען... דעם בעכער פון צארן אין גאנצען געטרינקען, אבער דאס גליק נישט דערווארט זיך (שווייגט א ווייל׳ע). קעלטער, קעלטער ווערט מיין הארץ, שווערער ווערט מיר מיט מיין צונג צו בעריהרען.

מירל. נא, איך וועל דיר צודעקען (ווארפט אויף אידם אידער טוך).

מנשה (מיט שמחה). דער צדיק! זיין הייליגער פנים ערשיינט פאר מיר... ווען גערסטו ראטעווען — מיך, צו מיין קינד?... א! דערבארעם זיך...

מירל (רייסט אראב פון זיך נאך וואס און ווארפט אויפ׳ן אלטען).

מנשה. ווארימע פליגעל פון הייליגע מלאכים בעדעקען מיך... זייגע ברענעדיגע אויגען קוקען מיר גלייך ביז׳ן הארץ אריין... דאפעלט ווארימער... דאפעלט ווארימער...

אַ שטים (טראָגט זיך פֿון ווײַטען מיט'ן ווינד). ראַ—טע—ווע̈ט! איך—געה—ביז—האַלז—אין—וואַ—כער!

מירל (שרײַט). אַ—הער דאָ—איז—טרוקען!

מנשה. פֿון הימעל הער איך קלינגען די קולות פֿון די הייליגע מלאכים... פֿון גן־עדן, הער איך, גיסט זיך דער הייליגער געזאַנג...

די שטים (נעהענטער). ראַ—טע—וועט! איך ווער פֿער—פֿראָ—רען.

מירל. אַהער, דאָ איז טרו־קען!

מנשה (מיט שמחה). האַ, טאָכטער מײַנע! איך זעה דיך... צווישען אַלע צדיקים און צדקניות ביזטו... גלײַך פֿון הימעל געהכטו... דײַן פנים לויכט... דײַנע אויגען פֿינקלען ווי די ליכטיגע שטערען... דאָפּעלט וואַרימער... דאָפּעלט וואַרימער...

די שטימע (גאָר נאָהענט). וואו—הין—זאָל—איך—געהן?

מירל. גלײַך... גלײַך... גלײַך...

מנשה. שירה אין הימעל... ס'איז פֿריהמאָרגען... דער גאַנצער הימעל האָט זיך ערוואַכט... שירה זאָגט דער צדיק צווישען אַלע מלאכים... (עם פֿליעסקעט דאָס וואַסער גאָר נאָהענט).

די שטימע. צו וועמען ערגיץ מענשען פֿאַרהאַן נאָהענט?

מירל (שטעהט און קוקט אין דער ווײַטער פֿינסטערניש).

מנשה (זינגט). דער ליכטיגער טאָג קומט אָן... גאָט'ס חסד איז נאָהענט... איך זינג צו זײַן נאָמען... איך אַלפּער זײַנע מעשים...

די שטימע. ווער איז דאָרט? רופֿט זיך ווער אָב!

מירל. מענשען... מענשען... (עס בעווײַזט זיך אַ פֿיגור פֿון אַ מענשען, ער ציטערט פֿאַר קעלט, עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן).

מנשה (זינגט מיט אַ דומפּפֿען קול). זײַן ליכטיגער נאָמען... זײַן חסד און רחמים... (זינגט אונקלאָרע ווערטער).

דער אונבעקאַנטער. ווער איז דאָ?

מירל. מענשען, מענשען.

דער אומבעקאַנטער. מענשען? דאָ זענען מענשען?

מירל (ציטערט פֿון קעלט און שרעק). מיט'ן וואַסער געקומען, ביז'ן האַלז געקראָכען.

דער אומבעקאַנטער. ווער איז דאָרט?

מירל. מײַן זיידע... ער ווערט געפֿראָרען.

דער אומבעקאנטער. ווערט געפרארען?

מירל. געפרארען... קאן זיך ניט דערווארמען.

דער אומבעקאנטער (בויגט זיך צו צום אלטען). געפרארען, ניטא קיין סימן פון לעבען, ער ליגט טויט...

מירל (מיט שרעק). אך, ווידע!

דער אומבעקאנטער. ניטא קיין סימן פון לעבען, ביז טאג וועט אפשר פון אונז אויך מעהר ניט בלייבען.

מירל. אך, ווידע, ווידע, שטעה אויף! ווידע, כ'ווייס, וואו די קמיע איז, ווידע!

דער אומבעקאנטער. ער איז טויט, אומזיסט דיין וועקען... איהם וועסטו שוין לעבעדיג ניט מאכען... לאמיר בעכער איינער דעם אנדערען ווארימען ביז טאג... לאמיר זיך ביידע איינער דעם אנדערען פון קעלט בעשיצען.

מירל (ברעכט אויס מיט א ביטער געוויין. איהר קול ציטערט פאר קעלט). ווידע!... ווידע!... ווידע!... האסט מיך אליין אין דער פינסטערער נאכט געלאזען... ווידע!

דער אומבעקאנטער. ועה, ווי דיין קול ציטערט פון קעלט און שרעק. דער אלטער ליגט שוין אהן א סימן פון לעבען. טרעט אב פון איהם. מיט שרעק און קעלט בלאזט פון זיין קערפער...

מירל. איך וועל מיך לעגען נעבען איהם און שטארבען...

דער אומבעקאנטער. איך וועל דיך נישט לאזען שטארבען. דער אלטער איז געשטארבען, וויל דאס בלוט איז שוין אין זיינע אדערן לאנג ווי אייז געווען... איך וועל דיך נישט לאזען שטארבען, אויב איך בין ביז איצטער לעבען געבליבען.

מירל. ווידע! נעהם מיך!...

דער אומבעקאנטער. די גאנצע נאכט האט מיר דער טייך אויף א באלקען פון א צובראכענעם פאראם געטראגען און צו דאלבער נאכט האט ער מיך אויף א ברעג ארויסגעשליידערט... כ'ווייס אליין ניט, ווי וויט ער האט מיך פון מיין היים פערטראגען — נאר דאס האב איך געפיהלט, אז ער האט מיך אויף די צווייטע זייט ארויסגעווארפען (ער נעהענטערט זיך צו מירלען). לאמיר זיך ביידע טוילען איינער צום אנדערען און ווארימען זיך...

מירל. (רוקט זיך אב). כ'קאן דיך ניט... כ'טאר עס ניט... כ'וויל נעבען ווידען מיינעם זיצען, ביז איך וועל געפרארען ווערען.

דער אומבעקאנטער. איך וועל דיך איבערגעוואלד ווארימען אין די וועסט מיך איבערגעוואלד ווארימען. (געהט צו מנשה'ן).

וואָס ליגט עס אויף דעם אַלטען? טריקענע בגדים... איהם זענען זיי שוין אין גאַנצען איבריג. מען קאָן זיי זיכער פון איהם אַראָב־נעהמען.

מ י ר ל. ריהר ניט! ריהר ניט!

ד ע ר א ו מ ב ע ק אַ נ ט ע ר. עלטער מיט פראָסט וועסטו שוין נישט דערוואַרימען. קום, נאַרישׁ קינד. קום צו מיר, ווען ס'וועט נאָר טאָג ווערען, וועסטו זעהן, ווי דער חשק צום לעבען וועט זיך אין דיר שטאַרקען... אומזיסט ווילסטו לעבעדיג מאַכען אַ קערפּער פון אַן אַלטען מאַן, וועלכער איז געפרירען געוואָרען... קום צו מיר, זעה, ווי די ציטערסט פון קעלט. זעה, ווי ס'קלאַפּט דיר אַ צאָהן אָן אַ צאָהן... קום, לאָמיר צוזאַמענפּרעסען אונזערע לייבער און וואַרע־מען זיך. ווען ס'וועט ווערען טאָג, וועלען מיר זיך צו אַ שטוב פער־קלייבען... קום!

מ י ר ל. איך שרעק מיך פאַר דיר.

ד ע ר א ו מ ב ע ק אַ נ ט ע ר. ניט שרעק דיך פאַר מיר. איך בין אַ מענש... מיך האָט דאָס וואַסער אַהער געבראַכט. ס'איז פינסטער אַרום. ווייל איך ווייס ניט, וואו איך בין, קאָן איך דיר ניט זאָגען, פון וואַנען איך בין.

מ י ר ל. קאַלט... קאַלט... קאַלט... כ'וועל דערפראָרען.

א ו מ ב ע ק אַ נ ט ע ר. נאַרישׁ קינד! אומזיסט שלעפּסטו אויף זיך דעם טוידט, בעת דאָס לעבען היפּט אונז. ביז טאָג איז שוין ניט ווייט. (ברייט אויס זיינע הענד): קום צו מיר. ניט שרעק זיך פאַר מיר. דאָס לעבען קאָנען מיר נאָר ביידע איינער דעם אַנדערען שיינקען... וועניג וואַרימקייט איז ביי מיר געבליבען, איך זאָל קאָנען ביז טאָג דערציהען. וועניג וואַרימקייט איז אין דיר געבליבען די זאָלסט קאָנען דעם פראָסט מנצח זיין. לאָמיר אונזער וואַרימקייט צוזאַמענמישען — נעהם מיך אַרום.

מ י ר ל. דער זיידע ליגט טויט.

ד ע ר א ו מ ב ע ק אַ נ ט ע ר. און מיר מוזען לעבען! לעבען!..

(ער כאַפּט זי פעסט אַרום).

מ י ר ל. לאָז מיר! לאָז...

ד ע ר א ו מ ב ע ק אַ נ ט ע ר. מיט געוואַלד וועל איך דיר מיין לעבען געבען און מיט געוואַלד וועל איך ביי דיר דיין לעבען נעה־מען — דריק מיך צו זיך...

מ י ר ל. דעם זיידענ'ס בלינדע אויגען קוקען אויף מיר... די קמיע... לאָז מיך... דער צדיק...

ד ע ר א ו מ ב ע ק אַ נ ט ע ר. דער זיידע איז טויט... דער צדיק

האָט געהיימען לעבען... פעסטער... פעסטער... אָט אַזוי... פעסטער... (שטיל).

מירל. אַ שטראָם הייסעס בלוט איז דורך מיינע אָדערן דורכגעלאָפען.

דער אומבעקאַנטער. דאָס קערט זיך צוריק דאָס לעבען צו דיר. איך בין פון יענער זייט טייך. פון דאָרט האָב איך דיר דאָס לעבען געבראַכט...

מירל. מיינע גלידער געהן מיר אָפּ.

דער אומבעקאַנטער. מיר מוזען נאָך האַרץ צו האַרץ דריקען, וועט ערשט העכט וואַרעם זיין...

מירל. הערסט, עס קלאַפּט שוין ניט מעהר ביי אונז אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

דער אומבעקאַנטער. איך הער, אַז דיין קול ציטערט שוין נישט מעהר.

מירל. לאָמיר אפשר פּרוּווען דעם זיידען וואַרימען?

דער אומבעקאַנטער. איין קען מען נישט וואַרים מאַכען.

מירל. (אידר שטים ווערט לויטערער). ס'איז גאָר ליכטיגער געוואָרען מיר אין די אויגען מיינע.

דער אומבעקאַנטער. דיין קינדערש בלוט האָט אין מיינע אָדערן דאָס בלוט צושמאָלצען.

מירל. כ'האָב די קמיע פערלאָרען... דער זיידע האָט געזאָגט, אַז אין האַרצען האָב איך זי געדאַרפט טראָגען... דער זיידע...

דער אומבעקאַנטער. זעהסטו, ער איז געשטאָרבען, דער טויט איז געוועזען שטאַרקער פון איהם... מיר וועלען לעבען... ש־ש־ש!

מירל. וואָס הערסטו?

דער אומבעקאַנטער. איך הער, ווי דיין האַרץ קלאַפּט און בעוועגט זיך פון אינווייניגסטער שמחה.

מירל. מיר הויבט שוין אָן היים צו ווערען.

דער אומבעקאַנטער. ווי אַ פאַנצער זענען מיינע קליידער געפראָרען... ווי אַ פאַנצער זענען אויף דיר דיינע געפראָרען... אונטער דעם פאַנצער האָט זיך דאָס לעבען צופלאַקערט... לעבען... לעבען... לעבען...

מירל. ווען כ'פלעג זיך צום זיידען טוליען, איז מיר אַזוי וואַרים ניט געווען. נאָך איידער די בויט געקומען, האָב איך מיך צו זיין האַרץ געטוליעט, נאָר ס'האָט מיט פראָסט געטראָגען.

דער אומבעקאַנטער. ווײַל דאָס לעבען האָט שוין לאַנג זײַן האַרץ פֿערלאָרען... זעהסט, ווי אַ גרויער פּאַס בעווײַזט זיך דאָרט לינקס?

מירל. אויף דער ערד?

דער אומבעקאַנטער. ניין, אויפֿ'ן הימעל.

מירל. וואָס בעדײַט דאָס?

דער אומבעקאַנטער. דאָס פֿערנעהמט זיך שוין אויף טאָג. באַלד וועט ליכטיג ווערען און מיר וועלען זיך צו הײַזער פֿערקלײַבען.

מירל. (וויינט). איך האָב ניט וואוהין. איך האָב געזעהן, ווי דאָס וואַסער האָט אינזער הויז פֿערטראָגען. דער זיידע איז פֿערפֿראָרען.

דער אומבעקאַנטער. דו וועסט געהן צום לעבען. דאָס לעבען וועט דיר שוין אין הײַזער ברענגען... אַ הילצערנעס הײַזעל איז מסתמא אײַערס געווען, אַז דאָס וואַסער האָט עס פֿערטראָגען געקענט — דאָס לעבען וועט דיך אין פּאַלאַצען ברענגען... שענע פּאַלאַצען אין בריליאַנטענע שלעסער געפֿלאַסטערט אין גאָלד און בעפּוצט מיט פּערל און רובינען... דאָס וואַסער וועט זיך אַהין ניט פֿערקלײַבען און דאָס פֿײַער וועט אויך צו זיי קיין שליטה ניט האָבען... זעהסט, דער פֿראָסט האָט דײַן זיידען אין אײַז אײַנגעוואַנדעלט און צו אינז האָט ער קיין שליטה ניט...

מירל. דו רעדסט, איך פֿערשטעה עס גאָר ניט... דער זיידע האָט שטענדיג אַנדערש גערעדט... עפּעס אַנדערש פֿלעגט ער רעדען יעדעס מאָל אין אָבענד... איך פֿלעג האַלטען מײַן קאָפּ בײַ איהם אין שויס, און ער פֿלעגט מיר דערצעהלען... איך פֿלעג איהם בעסער פֿערשטעהן, נאָר פֿון זײַנע ווערטער איז מיר קיינמאָל אַזוי וואַרים ניט געוועזען... כאָטש בײַ אינז אין שטוב איז קיינמאָל קיין פֿראָסט ניט געוועזען... דער ווינד איז אויך קיינמאָל אַהין ניט צוגעקומען...

דער אומבעקאַנטער. ניט שטענדיג דאַרף מען פֿערשטעהן — בעסער, אַז מען פֿיהלט. פֿיהלסט, ווי דאָס לעבען קלאַפּט אין דײַנע אָדערן, ווי מיט טויזענד פּויקען? פֿיהלסט, ווי אין דײַן האַרצען קאָכט ווי דער טײַך איצטער, וועלכער האָט הײַזער פֿערטראָגען און מיך צו דיר געבראַכט.

מירל. פֿאַר'ן זיידען האָב איך מורא געהאַט... ער פֿלעגט מיט זײַנע בלינדע אויגען קוקען אויף מיך... קוקען... קוקען... פֿון זיי פֿלעגט וואָס אַרויסקוקען און מיך שרעקען...

דער אומבעקאנטער. דא, דיין ווידע איז בלינד געוואָרען... בלינד איז ער געוועזען... פון זיינע אויגען האָט דער טויט אליין ארויסגעקוקט און האָט דיך געשראָקען... די טאָרסט וועגען טויט ניט טראַכטען... לעבען... לעבען...

מירל. ער איז בלינד געוועזען, נאָר ער איז אליין געגאַנגען. איך בין איהם נאָכגעגאַנגען... ער האָט זיך אליין צום בערגעל דערשלאָגען.

דער אומבעקאנטער. דאָס האָט איהם דער טויט געפיהרט... בעלויכטען זיין וועג מיט אַ שוואַרצען פייער, וועלכעס ער האָט געוויס פאַר גליק אָנגענומען.

מירל. איך האָב אויך דאָס פייער געזעהן. איך האָב מיך אויך צו איהם געצויגען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז דער צדיק מיט זיינע משרתים, ווי דער ווידע פלעגט אַלץ זאָגען... ווי ליכטיג עס איז שוין אין יענער זייט הימעל... אפילו אין די שפיצען פינגער איז מיר אויך וואַרים געוואָרען... זעהסט, ס'איז שוין ליכטיג.

דער אומבעקאנטער. פערמאַך נאָך די אויגען אַ ווײַלע און פיהל... זעהסט וואָס?

מירל. איך זעה שענע פאַלאַצען אויף אַ הויכען באַרג שטעהן...

דער אומבעקאנטער. דאָס וועלען דיינע זיין.

מירל. וועמעס זענען זיי איצט?

דער-אומבעקאנטער. קיינעמס ניט. פריי בויט זיי דאָס לעבען אויס און ווער עס וויל קען זיי בעקומען. די קענסט זיי אויך בעקומען... די מיט דיין קינדערש בלוט קענסט צו זיי דערגרייכען...

מירל. אַז איך פערמאַך די אויגען, פיהל איך, אַז איך זיץ אויפ'ן הימעל, אַרום פליהען מלאכים. ס'איז אַזוי ליכטיג, ווי דער ווידע פלעגט שטענדיג דערצעהלען.

דער אומבעקאנטער. דעם ווידען דיינעם פלעגט זיך עס אויך נאָך דעם טויט חלומ'ן, די קענסט עס אין לעבען בעקומען... זעהסט, ס'איז שוין גאַנץ ליכטיג. עס זעהט זיך שוין די גאַנצע געגענד אַרום. דורכאויס מיט וואַסער פערגאָסען, נאָר רעכטס ווייזט זיך אַ שמאָלער פאַס טרוקענע ערד. ער ציהט זיך ביז צום באַרג אונזערען... מיט דעם וועג וועלען מיר זיך פון דאַנען לאָזען...

ער איז מיר אומבעקאַנט, נאָר דאָס שפּיר איך, אַז פון טויט גלייך צום לעבען פיהרט ער...

מירל. איך וועל נאָך האַלטען פערמאַכט די אויגען און די רעד... רעד...

דער אומבעקאַנטער. און די?

מירל. איך וועל פיהלען. — פיהלען... פיהלען...

דער אומבעקאַנטער. פיהלסטו?

מירל. אַלץ פיהל איך... איך פיהל, איך זעה, איך פיהל, איך זעה...

דער אומבעקאַנטער. איז גוט. אָבער דער וועג איז אַ שווערער און אַ לאַנגער, ביז מיר וועלען זיך פון דאַנען אַרויס־קלייבען... דער טאָג לייכט שוין, און מיר וועלען זיך בייצייטען פון דאַנען לאָזען... געדריקט לייב צו לייב וועלען מיר געהן און אויפ'ן וועג וועל איך דיר גאָר שענעס דערצעהלען... לאָמיר געהן.

מירל. (דערשראָקען). און דער זיידע?

דער אומבעקאַנטער. דער זיידע איז דאָך אַייז־טויט.

מירל. ווילסטו, איך זאָל איהם לאָזען?

דער אומבעקאַנטער. מיר וועלען זאָגען מענשען, וועל־כע האָבען אַנעבעך מיט טויטע קערפּער, וועלען זיי זיין גוף אויך צום קבר ברענגען.

מירל. אָבער מיין זיידע איז ער דאָך!

דער אומבעקאַנטער. אָבער וויַט איז ער פון דיר.

מירל. איך זעה דאָך איהם — אָט ליגט ער דאָך...

דער אומבעקאַנטער. דאָס, וואָס די זעהסט איז ניט מעהר ווי אַ שאָטען פון דעם, וואָס די ביזט ביז אַהער געוועהנט געוועזען צו זעהן. לאָמיר געהן פון דאַנען. (ער הויבט זיך אויף און האַלט זי פעסט אַרומגענומען).

מירל. וואוהין פיהרסטו מיך?

דער אומבעקאַנטער. (פיהרט זי). צום לעבען, קום!

מירל. לאָז מיך, מיך ציהט צום זיידען מיינעם, ער ווינקט צו מיר, כ'קען איהם ניט לאָזען...

דער אומבעקאַנטער. (פיהרט זי). קום, איך וועל דיר אויפ'ן וועג גאָר שענעס דערצעהלען.

מירל. (ברעכט אויס מיט אַ געוויין). זיידע! זיידע! איך קען דיך ניט לאָזען!...

דער אומבעקאַנטער. דאָס לעבען רופט — דאָס לעבען...

איך וועל דיך לאָזען, אָבער דיין נשמה איז ביי מיר — זי וועט שוין דיין גוף אויך מיטציהען... (געהט פון בארג).

מירל. (געהט אידם ניט ווילענדיג נאָך. וויינט יאָמערליך. זיידע!... זיידע... איך געה און ווייס ניט וואוהין... ראַטעוועט מיך!... (זי ווערט פערשוואינדען אינטערען בארג... איהר קול הערט זיך נאָך שרייענדיג „זיידע!“... „זיידע!“... שטיל).

(פאָרהאַנג).

דריטעס בילד.

ביים ברעג טײַך. זומער פאַר־נאַכט. דער ברעג איז בעדעקט מיט אַ ווייכען זאַמד און בעוואַקסען מיט לאַנגע שיטערע גראָז. וואו ניט וואו אַ געלב בלומעל. פון ווייטען אַנטקעגען זעהט זיך דער צווייטער ברעג, בעוואַקסען געדיכט מיט יונגע בוימלעך. פון דאָרט טראָגט זיך דאָס צוויטשערען פון פויגלעך. עס לאָזט זיך אַראָב די זון און דער גאַנצער הימעל איז רויט. פון דער אַנדער זייט הימעל שווימען אַרויס דיקע כמאַרעס און עס קלייבט זיך אויף אַ רעגען.

מירל (שטעהט אַהיבשע צײַט אויף דער זייט און קוקט גלייך צום זון־אונטערגאַנג מיט גרויס בענקעניש אויפ'ן געזיכט. ער־וואַכענד). אַך! דאָרטען איז דאָס גאַנצע גליק... דאָרטען איז עס. וואָלט דער טײַך אַזוי ברייט ניט געוועזען, וואָלט איך איהם אַריבער־געשפּרונגען; ווען דאָס וואַסער וואָלט דאָ ניט אַזוי פינסטער געוועזען, וואָלט איך אֶפּשר... (טראַכט אַ ווײַלע). ווי דעם זיידעני אויגען אין יענער נאַכט זעהט דאָס וואַסער אויס... (זעצט זיך אויף דער ערד דעם קאָפּ בעהאַלטען מיט די הענד).

יאַכנע. (קומט אָן פון ווייטען, שלעפּט אַ קלאָץ).

מירל. ניין, ביי טאָג קאָן ער ניט קומען... ביי נאַכט האָט איהם דאָס וואַסער מיט געוואַלד געבראַכט צו מיר... דער טאָג האָט איהם פון מיר אָבגעריסען... גלייך מיט זונענאויפגאַנג איז ער פון מיר פערשוואונדען געוואָרען... באַלד פערגעהט די זון... רויט דער הימעל — ס'ברענט... ס'ברענט...

יאַכנע (שרייט פון ווייטען). וואָס שטעהסטו דאָרט?! אויף וועמען וואַרסטו דאָרט?!

מירל. (קוקט זיך ניט אום). דאָס איז די צווייטע גרעניץ, וואָס שטעהט מיר צווישען לעבען... דער טײַך, דער פינסטערער טײַך שרעקט מיך יעדעס מאָל, ווען כ'וויל זיך אויף יענער זייט אַרי־בערקלייבען, און זי... וואָס וויל זי פון מיר?..

יאַכנע (פון ווייטען). עס ווערט נאַכט, וואָס שטעהסטו דאָרט?

מירל. וואָס האָט זי מורא פאַר דער נאַכט! וואָס שרעקט איהר די נאַכט? צו איז איהר אונגליק און גליק אויך אין דער נאַכט פערבאָרגען?

יאַכנע (וואַרפט אַראָב דעם קלאָץ). זאָג, וואָס ווילסטו דאָ.

קום אַהיים, עס ווערט נאַכט. מאָרגען דאַרף מען פֿריה אויפֿשטעהן. באַגינען, נאָך איידער דער האָן וועט קריִען, וועלען מיר זיך אויס־קלײַבען און פֿאָהרען צום צדיק. ער איז איצט אינגאַנצען דרײַ מײַל פֿון דאַנען.

מירל. זאָג, פֿון וועלכער זײַט דאַרף ער אָנקומען, דער צדיק?

יאַכנע. (ווײַזט אויף הינטער זיך). פֿון דאָרטען.

מירל. (מיט פֿערדרוס ווײַזט אויפֿ'ן זון־אויפֿגאַנג). זעהסטו, דאָרטען פֿערגעהט יעדען טאָג די זון, און איך קאָן דעם טײַך ניט אַריבערגעהן.

יאַכנע. וועה איז מיר און ווינד. משוגע, משוגע... בע־שטראָפֿט מיט ביידע הענד...

מירל. וואָס פֿאַר אַ באַלקען טראַגסטו עס?

יאַכנע. אַז דײַן פֿערשטאַנד האָט דער וואָס אין הימעל בײַ דיר צוגענומען... כ'האָב עס אין פֿעלד זיכענדיג געפֿונען... כ'האָב עס דערקענט — פֿון אונזער שטוב.

מירל. פֿון אונזער שטוב? נעהם וואַרף עס אין טײַך אַרײַן. זאָל עס דאָס וואַסער פֿערטראָגען, כ'וועל עס באַלד אַלײַן...

יאַכנע. ניט דערוועג דיך עס צו טהאָן!

מירל (נעהמט אָב אין אַ זײַט). „דאָס לעבען"... „דאָס לע־בען"... וואו זענען זיי, די פּאַלאַצען, וואָס ער האָט געזאָגט? „פֿרײַ בויט דאָס לעבען אונטער'ן הימעל גאָלדענע פּאַלאַצען אין בריל־יאַנטען און רובינען געפּלאַסטערט"... דאָרטען זענען זיי. אָהן איהם וועל איך זיי ניט געפֿינען... אָהן איהם קאָן איך אפֿילו דעם טײַך ניט אַריבערגעהן, און ער איז דאָרט אויף יענער זײַט. פֿון יענער זײַט טײַך איז ער געקומען, בײַ נאַכט, אין דער פֿינסטער האָט ער זיך באַוויזען און מײַן געפֿראָרען לײַב געוואַרעמט (צו דער אַלטער). געה אַהיים! איך וויל אין דער נאַכט אַלײַן מיט דיר ניט בלײַבען... געה דיר, געה — אָדער אַ ניט, העלף מיר דאָ אַ פּאַראָם אויסבויען, וועל איך מיך אויף יענער זײַט אַריבערקלײַבען.

יאַכנע. די הייליגע נשמה פֿון דײַן מאַמען, די קדושה זאָל פֿאַר דיר בײַם כסא־הכבוד בעטען.

מירל. די מאַמע איז דעם ווײַדענס אַ טאָכטער געווען, געה, איך שרעק מיך פֿאַר איהר.

יאַכנע. דער הייליגער נאָמען פֿון דײַן טאַטען דעם קדוש זאָל דאָרט אין הימעל פֿאַר דיר תּפֿילה טהאָן.

מירל. (אומרוהיג). באָבע, לאָז מיך!

יאַכנע. דער כשר'ער נאָמען פֿון דײַן זײדען דעם קדוש זאָל דעם גאַנצען הימעל איפּרהרען און פֿאַר דיך בעטען.

מירל. װען די שװײַגסט ניט, שפּרינג איך באַלד אין טײַך אַרײַן, אָט דאָ, װאו דאָס װאַסער איז פֿינסטער און שװאַרץ... װי זים איז דער געזאַנג דאָרט צװישען די בּימלעך, — אַלץ איז אויף יענער זײַט. נאָך זײַן פֿערשװינדען זענען דאָרט די בּוימלעך אויסגעװאַקסען... אֶפּשר האָט ער זײ אַלײן פֿערפּלאַנצט, אֶפּשר זיצט ער דאָרט אַלײן און װאַרט אויף מיך... אֶפּשר זײַן קול קלינגט עס װי פֿױגעל־געזאַנג...

יאַכנע (שלעפּט זי פֿאַר'ן אַרבּעל). קום, עס װעט באַלד אַרעגען געהן.

מירל. יעדעס מאָל דוכט זיך מיר, אַז בּײַ נאַכֿט איז ער געקומען און האָט אַ פּאַראָם אויסגעבויט, איך זאָל קענען גלײַך אַריבּערגעהן און מיך לאָזען צו יענע פּאַלאַצען. (רײַסט אויס עטליכע געלע בלומלעך און װאַרפֿט זי אין טײַך). טראָגט עס, טראָגט עס, װאַסער. טראָגט עס װײַטער, גלײַך צו איהם... זאָגט איהם, אַז מיר איז װידער קאַלט. זאָגט איהם, אַז כ'װער פֿערפֿראָרען װי אין יענער נאַכֿט, װען דאָס װאַסער האָט אונז אויף אַ בּערגעל פֿערטראָגען... זאָגט איהם, אַז כ'האָב בּײַ זיך אין האַרצען זײַן װאַרעמקײַט בּעהאַלטען, נאָר איך קאָן שוין מעהר ניט... כ'קאָן עס שוין מעהר ניט אויפֿהאַלטען... װען דער לעצטער הויך װעט אַרויסגעהן, שטאַרב איך... איך װער אַ שטיק אײַז, װי דער זײדע דעמאָלסט... (טראַכֿט אַ װײַלע. צו דער אַלטער). װאָס װאַרסטו דאָ? דיך האָט דער זײדע אויף דער װעלט געלאָזען, די זאָלסט מיך שרעקען? אין דײַנע אויגען איז אַזױ פֿינסטער, װי בּײַם זײדען אין יענער נאַכֿט, װען ער האָט אַזױ שױדערהאַפֿט גערעדט...

יאַכנע. איך װעל רופֿען מענשען. מען װעט דיך בּינדען און מיט געװאַלד צום צדיק פֿיהרען.

מירל. (שפּאַצירט אום בּײַם ברעג, זינגט).

אין פּאַלאַצען רײַבּינען פֿול
שטעהט אַ הױכער שעהנער שטול,
װי אַ מלאך זיצט ער דאָרט...
װי אַ מלאך זיצט ער דאָרט...

יאַכנע. מיט שװאַרצע געדיכטע װאָלקען װערט דער הימעל פֿערצױגען, באַלד װעט אַ שלאַקסרעגען גיסען, און די װעסט אַ נאַקעטע אונטער'ן הײלען הימעל בלײַבען.

מירל. (מיט שמחה). אַ רעגען װעט באַלד געהן! די כמאַרעס

ווערען שטארקער, געדיכטער און שווארצער... ס'וועט א רעגען גיסען — א מבול וועט ווערען... ס'וועט ווידער אלע פאראמען אראב־טראגען, ווי דעמאלסט, ווען איך בין נאך א קינד געווען... ווען ס'האט די וועלט פערפלייצט, ווען ס'האט דעם פריץ'ס שטוב פער־טראגען... מיט'ן וואסער וועט ער קומען, אלע פאלאצען — דאס גאנצע לעבען וועט ער מיט זיך ברענגען. (ס'הערט זיך א מירמלען פון א ווייטען הונערן).

יאכנע. אט הונערט שוין ערגיץ, קום גיכער אהיים, כ'וועל דא מיט דיר נישט בלייבען.

מירל. באלד, באלד וועט עס געשעהן. איך הער שוין דעם אנזאג הויך די הונערען, באלד וועט זיך דער הימעל שפאלטען, פייערדיגע בליצען וועלען אומלויפען, כ'וועל זיצען און ווארטען, (זעצט זיך ביים רעכטען ברעג און קוקט אריבער ווייט פון זיך).

יאכנע (זעצט זיך פון ווייטען). נישט גוטע, מלאכי חבלה האבען זי ארומגערינגעלט און לאזען זי נישט רוהען. וואלט ווער ס'איז הרכנעהן, וואלט מען זי מיט געוואלד פון דאנען צוגענומען.

מירל. אך! ווען איך וואלט קאנען קוקען, קוקען ביז אויף יענער זייט וועלדעל... איך שפיר, אז דארטען ערגיץ זיצט ער — קום! קום! איך שפיר, אז די ביזט ניט ווייט פון מיר — קום! באלד וועט זיך דאס וואסער פון די ברעגעס ווידער ארויסכאפען — איך שפיר עס, די הונערען זאגען מיר עס אן, און גאנצען וועט זיך דאס בוימעל און וואסער בעהאלטען. (ווארפט א בליק צו דער אלטער). וואס ווארטסטו?

יאכנע. (קוקט זי שארף אן אהן ווערטער).

מירל. באלד וועט א רעגען גיסען, עס וועט פלייצען פון אלע זייטען — געה, בעהאלט זיך אין שטוב... ווילסט זיך אויך אריבער־קלייבען אויף יענער זייט? דארט איז פאר דיר גאר נישטא. בלייב שוין דא... געה אהיים, געה (רעגט זיך אויף) וואס היטסטו מיך?! ווען ס'וועט פיל ווערען דער טייך, וועל איך מיך אויף יענער זייט ארי־בערקלייבען. (געהט אום מיט גרויס שמערצען אויפ'ן געזיכט). עס ציהט מיר אלע גלידער, עס ציהט מיר מיינע הענד, מיינע פיס... עס ציהט מיר מיין הארץ! איך קאן שוין מעהר נישט איינהאלטען אין זיך דעם לעצטען הויך ווארימקייט... פינסטערער, פינסטערער...

יאכנע. (טהוט אויס פון איהר האלז א קמיע, געהט צו שטיל צו מירל'ען און טהוט איהר אן אויפ'ן האלז). העלף מיר, רבונו של עולם! רייס זי ארויס פון די מלאכי חבלה, וועלכע האבען זי פערכאפט אין זייער נעץ...

מירל. (וואַרפֿט די קמיע אין וואַסער אַרײַן).

יאַכנע. גוואַלד! וואָס וועט איצטער זײַן? (וויל קריכן אין טײַך). וואָס האָסטו געטהאָן?! דעם לעצטען פֿונק אין טײַך געוואָרפֿען!

מירל. אַלץ וועל איך מיט'ן וואַסער אַוועקלאָזען, ביז כ'וועל מיך אויף יענער זײַט אַריבערקלײַבען.

יאַכנע. פֿערפֿאַלען, פֿערפֿאַלען, צום גרונד געגאַנגען... כ'וועל לויפֿען רופֿען מענשען, מען זאָל זי פֿון דאַנען וואָס גיכער צוגעהמען... דאָ ביים טײַך איז דאָס גליק פֿאַר איהר געשפּרייט. (לויפֿט אַוועק מיט אַלע כח'ת, מאַכט מיט'ן קאָפּ און מיט די הענד).

מירל. (קוקט איהר נאָך). איצטער בין איך אַליין געבליבען... איצטער וועל איך אַלץ מיט'ן וואַסער אַוועקלאָזען. (שלעפּט דעם באַלקען צום ברעג און וואַרפֿט איהם אין וואַסער). זאָל ער געהן אַהין, וואוהין דאָס גאַנצע שטיבעל איז פֿערשוואומען (טראַכט אַ ווײַלע). זי איז נאָך מענשען געגאַנגען, און איך וועל מיך בעהאַלטען... כ'וועל מיך דער פֿינסטערער נאַכט איבערגעבען. (עס בליצט. זי ציטערט אויף). עס בליצט! קיינער איז מיט מיר ניטאָ... (מיט פֿרייד). וואָס זעה איך עס פֿון ווײַטען?! מיט'ן וואַסער... אַ פֿײַערעל שווימט און אַרום איהם מענשען... אפשר שווימט ער מיט די גאָלדענע פּאַלאַצען... ווי גיך!.. דאָס וואַסער טראָגט זיי... טראָגט זיי... (קוקט אײַנגעהאַלטיג אַ ווײַלע אַרויף צום וואַסער). האַלט! האַלט אָב! עס בעווײַזט זיך אַ פֿײַער אויפ'ן טײַך... דאָס גאַנצע וואַסער ווערט בעלויכטען).

אַ שטימע. (פֿון טײַך אַרויס). נישט ווײַט אַ דאָרף, מענשען?

מירל. האַלט אָב, האַלט?

צווייטע שטימע. האַלט אָב דאָס געהילץ!

ערשטער. פֿון אַ נאָהענטען דאָרף?

מירל. ווי גוט! דאָס געהילץ האָט איהר געבראַכט אַ פּאַראָם צו ביען? מאַכען אַ וועג צו יענע פּאַלאַצען?..

צווייטער. זי איז משוגע.

מירל. ניט לאָזט זיך גלײַך מיט'ן וואַסער... דאָס וואַסער וועט אײַך פֿערטראָגען. דאָס וואַסער האָט אַלץ פֿערטראָגען... מײַן טאַטען, איהם... די קמיע... מײַן גליק...

צווייטער. פֿון וואַנען ביזטו?

מירל. (ווײַזט אויף יענער זײַט טײַך). איך בין פֿון דאָרטען, איך בין דאָ, נאָר איך בין דאָרטען... זעהט עס וועט באַלד אַ מבול

ווערען... איהר זעהט דעם הימעל... ווען דאס וואסער וועט זיך הייבען, וועל איך אריבער אויף יענער זייט...

צווייטער. וואס דארפסטו אויף יענער זייט? קום מיט אונז.

מירל. איהר פאהרט מיט'ן וואסער... איהר קאנט ניט וויסען, וואס אויף יענער זייט איז. (עס הינערט).

ערשטער. זי איז משוגע, לאזט דאס גערילך. ביז רעכט פינסטער וועלען מיר נאך א פאר וויארסט אפפאהרען. (דאס פייער פערשווינדעט)...

מירל. (שטעהט א ווייל און קוקט אין דער זייט, וואו דאס פייער פערשווינדט. פלוצלונג זעהר אונרוהיג). אלץ פערשווינדעט פון מיר, אלץ פערשווינדט, אלץ איז צו מיר אין דער פינסטער געקומען און אין דער פינסטער ווערט אלץ פון מיר פערשוואונדען... מיין הארץ האט ער פון מיר צוגענומען און זיינס האט ער ביי מיר געלאזען... מיין הארץ האט זיך קיין מאל אזוי ניט געריסען... מיין הארץ האט קיין מאל אזוי ניט געבענקט... מיין הארץ האט ניט געוואוסט, אז אויף יענער זייט איז אלץ פארהאן... מיין הארץ האט ער ביי מיר פערנומען און מיך אויף דער זייט געלאזען... (טראכט א ווייל). אפשר האב איך צוזאמען מיט דער קמיע מיין הארץ פערלארען?... ווען איך פלעג זיצען מיט'ן זיידען, איז מיין צינג שטום געוועזען. איך בין נאריש געוועזען און מיין הארץ איז רוהיג געוועזען. איך קאן שוין מעהר ניט אויסהאלטען... (עס הינערט). דער הימעל בייזערט זיך אויף מיך. וואלט שוין ארעגען גיסען! עס הינערט און קיין רעגען איז נאך אלץ ניטא... (טראכט א ווייל). וואס האבען די מענשען נאר וואס געוואלט פון מיר? וואוהין האבען זיי מיך געוואלט פיהרען? וואוהין געהט דאס וואסער?... פינסטערער, פינסטערער ווערט ארום... דעם זיידענס אויגען בלאנדזשען שוין ווידער ארום פאר מיר... זיי קוקען מיר שוין אן פון אלע זייטען — וואס ווילען זיי פון מיר?! אך! דארטען ווינקען צו מיר זיינע אויגען... ליכטיגע... שיינען ווי צוויי ליכטיגע דימאנטען... און דעם זיידענס אויגען — און וואס ווילען זיי פון מיר?! (עס הינערט שטארקער). קאלט... מיר ווערט קאלט. דער פראסט כאפט מיך ארום... (בלייבט שטעהן צושטרייט, קוקענדיג אויף יענער זייט).

יאכנע. (איהר קול הערט זיך פון ווייטען). מיט געוואלד. בינדען, מיט געוואלד זי פון דאנען צונעהמען. (קומט אן מיט איהר נאך א פאר מענשען).

מירל. (דערשראקען). זיי געהען. מיט געוואלד... כ'וועל מיך נישט לאזען... צוריק וועל איך ניט געהן!...

ע ר ש ט ע ר. מיט געוואַלד וועלען מיר זי צום צדיק פירען. בינדען!

י אַ כ נ ע. ראַטעוועט מיר מיין קינד! ראַטעוועט מיר מיין קינד!

מ י ר ל. לאָזט מיר... לאָזט מיר! איך האָב קיין נשמה ניט... לאָזט מיר צום לעבען...

ע ר ש ט ע ר. (נעהמט מירלען פאַר'ן האַנד). קום מיט מיר.

מ י ר ל. כ'וועל שטאַרבען, ווען איהר נעהמט מיך נאָר צו פון דאַנען!

י אַ כ נ ע. דאָס נעץ ווערט שטאַרקער... נעהמט זי צו וואָס גיכער!

ע ר ש ט ע ר. (וויל זי פיהרען).

מ י ר ל. איהר רייסט מיך אָב! עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען! עס דרעהט זיך מיר מיין קאָפּ!.. לאָזט:

י אַ כ נ ע. ראַטעוועט, ראַטעוועט, נעהמט זי צו פון דאַנען! (עס דונערט)!

מ י ר ל. (ווערט זיך שטאַרק). איהר רייסט מיך פון לעבען אָב... כ'בין שוין אַזוי ווייט פון מיין היים פערגאַנגען... (מיט שמחה, זי זעהט וואָס פון ווייטען.) הי! ביזט דאָ! קום שוין גיכער!.. ער ווינקט! ער רופט!.. גיכער קום, רייס מיר אַרויס פון זייערע הענד, כאַפּ מיך אַרום פעסט ווי דעמאָלט ביי נאַכט... איך ווער ווידער פערפראָרען... גיכער... זיי רייסען מיך פון דיר אָב... ער געהט און נאָך איהם אַלע גאָלדענע פּאַלאַצען און הויבינען געפּלאַסטערט... אַהער! אַהער!. —

י אַ כ נ ע. אום גאָטעס ווילען נעהמט זי צו פון דאַנען... רייסט זי פון דעם נעץ אַרויס.

ע ר ש ט ע ר. איך שרעק מיך.

צ ווי י ט ע ר. (שטאָליץ). גאָט איז מיט אונז! זאָלען מיר זי נאָר נעהמען (ער נעהמט זי פעסט אָן).

מ י ר ל. (שרייט פערצווייפעלט). ראַטעווע מיך! ראַטעווע מיך... רייס מיך פון זיי... (זיי פיהרען זי אַוועק מיט געוואַלט. איהר יאָמערליכער געשריי ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער... עס בליצט און דונערט. שטיל).

מ י ר ל. (לויפט מיט אַלע כחות גלייך צום טייך — שרייט): גלייך צו איהם... ביזט געקומען! נעהם מיך אַרום שטאַרקער שטאַרקער... איך שפרינג צו דיר — מיין גליק! מיין לעבען... כאַפּ מיך!

(וואַרפֿט זיך אין טײַך אַרײַן. ס'הערט זיך אַ פּליעסק פֿון דעם וואַסער... אַ בליץ באַלײַכט די גאַנצע געגענד אײניגע סעקונדען. פֿון ווײַטען זעהט זיך ווי יאַכנע און די מענשען ליפֿען צום טײַך מיט ווילדע אויסגעשרײען. אויף יענער זײַט טײַך בעווײַזט זיך דער אומבעקאַנטער ווי אין אַ בלאַסען שײַן בעגאָסען).

(פֿאָרהאַנג).

קברים-בלומען

א דראמאטישער עטיוד

פון

פרץ הירשביין.

(געווידמעט — לילי).

פערזאנען:

אלחנן.

נעמי.

בעלא, עלטערע טאכטער.

רבקה, יונגערע טאכטער.

נחמיה.

א גרויסער צימער שוין געמעבלירט. לינקס צוויי פענסטער, וועלכע קוקען אריין אין א גארטען. נעבען זיי א ווייכער דיוואן, אנטקעגען א טיהר אין א צווייטען צימער. אין דער רעכטער וואנד נאך צוויי טיהרען.

פארנאכט.

בעלא (ליגט אויפ'ן דיוואן. קוקט זיך אום יעדער ווײלע שטארק אינרוהיג).

נעמי (עפענט די טיהר העלטם, קומט אריין).

בעלא (שפרינגט אויף דערשראקען). ווער איז עס?!.. כ'האב געהערט טריט אונטער דער טיהר... דאס ביזטו מאמע?

נעמי. ווידער ביזטו אליין; וואס בלייבסטו רק אליין אין שטוב?...

בעלא: לאז מיך, מאמע!

נעמי. אבער וואס בלייבסטו רק אליין? וואו איז רבקה?

בעלא. איך בין ניט אליין; איך בין ניט אליין. (בעווייזט צו דער טיהר אנטקעגען), איך הער זיך צו צו יעדער טריט אין יענעם

ציטער . . . ווען איך הער נאָר זײַנע טריט, שפּיר איך זיך שוין ניט אַלײן.

נעמי (פֿערזאָרגט). דער ייִדע איז דאָרט?

בעלאַ. דער ייִדע איז דאָרט. איך הער, ווי זיבער אין שטאָל'ן איז זײַן טריט, ער שפּירט גאָר ניט, וואָס אַרום איהם איז.

נעמי. טאָכטער מײַנע, ניט מאַך מיר גרעסער דעם טרויער מײַנעם. גענוג האָט מיך שוין דער, וואָס אין הימעל, בעשטראָפֿט. זעה, איך האָב שוין ניט קײַן טרערען צו בעווײַנען דאָס אונגליק.

בעלאַ. וואו איז רבֿקה? וואָס זעהט מען זי ניט דעם גאַנ־צען טאָג? זי גערט אום אַלײן אונטער'ן שטאָדט. ס'איז שוין באַלד נאַכט — און זי איז נאָך ניטאָ.

נעמי. פֿאַר איהר שרעקט מיר גאָר דאָס האַרץ. בײַ נאַכט האָב איך געהערט, ווי זי האָט געלאַכט פֿון שלאָף — אָבער שטאַרק געלאַכט, כ'האָב זיך דערשראָקען.

בעלאַ (קוקט זיך אַרום צושטרייט). בײַ נאַכט האָט זי גע־לאַכט. זי לאַכט שטענדיג. איהר פּנים לאַכט אַלײן, איהרע אויגען לאַכען אויך . . . וואו איז זי איצטער — רבֿקה?

נעמי. קום, טאָכטער מײַנע, אין גאָרטען. וועלט זיך אַבי־סעל אָבפּרישען.

בעלאַ. נחמיה איז גאָר הײַנט ניט געווען? האָבט איהם גאָר ניט . . . נחמיה איז . . . זעץ זיך נעהענטער צו מיר, מאַמע. כ'האָב געמײנט, אַז ער וועט קומען . . . עס שוועבט וואָס אַרום אין אַלע ווינקעלעך. ווען איך געה אַרום, ווען איך ליג אין האַלט אַפּילו פֿעסט פֿערמאַכט די אויגען, זעה איך שטענדיג אײנם: ער געהט זיבער אום, און נאָך איהם שפּאַצירט נאָך עפּעס אײנער מיט טוי־זענדער אויגען . . . און זײַנע גלידער קנאַקען אַ בײן אין אַ בײן.

נעמי. וואָס איז מיט דיר, טאָכטער מײַנע?! וואָס זעהסטו?

בעלאַ. איך זעה . . . איך שפּיר . . . מיר דוכט זיך, אַז יעדע נאַכט לאָזט זיך אַראָב אַ גרויסער, שוואַרצער פֿליגעל איבער אונזער שטוב . . . איך זעה יעדע נאַכט . . . מאַמע! וואו איז מײַן שוועסטער? פֿאַר וואָס האָסטו מײַן שוועסטער רוהיגקײַט געשענקט? . . .

נעמי. קום, מײַן קינד. אונטער אײן האַרצען האָב איך אײַך בײדען אויסגעטראָגען; פֿון אײן מילך האָט איהר בײדע געזויגען . . . קום.

בעלאַ. איך קען דעם ייִדען אַלײן ניט לאָזען.

נעמי (פֿיהרט זי). קום מיט מיר; קום מיט מיר . . . (געהען אַרויס).

(פויזע).

נחמיה (קומט אריין. קלאפט אין טיהר אנטקעגען).

אלחנן (עפענט די טיהר). ווער קלאפט עס? (בעמערקט נחמיה'ן) אך, נחמיה! איהר זענט עס. כ'האב שוין היינט געטראכט וועגען איך. (קוקט זיך ארום) איז גאר קיינער אין שטוב ניט געוועזען? איך האב געמיינט, אז רבקה איז אין שטוב. כ'האב געמיינט, אז זי שטעהט אינטער דער טיהר און הערט זיך צו... (שמייכעלט) אליין געדט איבער בחישה: קינדווייז פלעג איך האלט האבען שטעהן אונטער דער טיהר און צוהערען זיך, וואס מען רעדט... איז גאר קיינער ניטא?

נחמיה. פון ווייטען, הייסט מיר, האב איך געזעהן בעלא'ן מיט איהר מוטער. זיי זענען אין גארטען געגאנגען.

אלחנן. זעהר גוט. איך היט זיך פון זיי. ווייבער מאכען דעם טהייער נאך גרעסער. זיי האבען מיר מיין קאפ מיט טרערען נאס געמאכט. — וואו איז רבקה?

נחמיה. איך האב זי ניט געזעהען.

אלחנן. דאס איז נאך דער איינציגער קוואל פון אונזער לעבען. (קלאפט נחמיה'ן איבער'ן פלייצע) נו, דערצעהלט מיר וואס!

נחמיה. וואס קען איך אייך דערצעהלען, אז ס'זאל זיין פאסענד פאר אייך?

אלחנן. אליין איז פאסענד פאר מיר... כ'האב אליין אין מיין לעבען איבערגעלעבט. — נאר שווער איז צו טראגען יוגענד אין קבר אריין... (זעצט זיך אויפ'ן דיוואן, קלערט א ווייל). יא, איהר זענט נאך יונג — זאגט מיר, וואס פיהלט א יונג הארץ?

נחמיה. עס האפט, עס לעבט — אויב האפנונג אין לעבען איז אין דעם פאראן.

אלחנן. אויב לעבען איז אין דעם פאראן... מהיים... אין מיין שטוב איז געשעהן, איינענטליך, א גאנץ געוועהנליכע זאך: מיין זון איז ביי מיר געשטארבען. ס'האט געמוזט אזוי זיין: נאר אינטעראחים האט זיך ווער אין מיין שטוב אריינגענב'עט... ניט גאנץ רוהיג איז דא ארום... יא, נחמיה; שווער צו טראגען מיט זיך סודות אין קבר אריין.

נחמיה. רבקה איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען?

אלחנן. די פעלדער זענען שוין אבגעשניטען, יא? די גארבען אויך אראבגעפיהרט? עס גיסט רעגענס, און די פעלדער מוזען שוין געווים זיין שווארץ... שווארץ געווארען. געווים האט געמוזט

בלייבען נארבען אונטער'ן רעגען... שטעהן שווארץ. וועלען שוין צופוילט ווערען...

נ ח מ י ה. עס געהט גאר קיין רעגען ניט. היינט איז זעהר שען.

א ל ח נ ן. צווישען די שווארצע פעלדער קריכען ארום שווארצע קראהען און שרייען.

נ ח מ י ה. איך האב ליעב צו זיין אין פעלד אין א הייסען זומערטאג. די שניטער און שניטערינס קלייבען זיך צונויף און אין בינטעל און זינגען, און שטיפען...

א ל ח נ ן (ערוואכענד). ווער קלאפט עס אין מיין וואנד!.. מען קלאפט... וואס קוקט איהר מיר אזוי אן, נחמיה?

נ ח מ י ה. איך קוק, ווי עס שפיעלט נאך די יוגענד אין אייערע אויגען.

א ל ח נ ן (זיין קול ציטערט). אך, וואו זענען זיי מיינע קינדער?... וואו האבען זיי מיך געלאזען? שטיל און רוהיג בין איך ביי מיין מאמען און שוים געזעסען: געלעגט מיין קאפ אויף איהר מילדען ברוסט. פון אפענעם פענסטער האט א זאנפטער ווינד געטראגען און געגלעט מיין פערחלומט געזיכט... יא, דאס האט דער שטורם-ווינד זיין יונגערן ברודער, צו מיר געשיקט... דאס הארץ מיינס האט געציטערט... שטארק געציטערט (קוקט זיך ארום), ווער קלאפט עס אין מיין וואנד? הא?.. יא, נחמיה. איך האב געהערט אז איהר רעכענט אין וועג ארויין זיך לאזען?

נ ח מ י ה. סוועלט זיך ניט שלאפען דעם גאנצען לעבען אויף דעם ארט, וואו מיין קבר דארף זיין. א מענש דארף יעדען טאג אויף דאס ניי געבוירען ווערען?

א ל ח נ ן. א שטורם האט זיך אין מיין שטוב אריינגעריסען... פרעמד איז מיין מאמען דער שטורם געווען; זי האט מיר וועגען איהם גאר ניט געדאכט, נאר ניט געדאכט... יא, ער האט נאך מיר שלוחים געשיקט... ס'ברעכט זיך, ס'ברעכט זיך אלעס וואס ס'איז פערפלאנצט געווען...— ס'קלייבט זיך ניט אויף ארעגען?

נ ח מ י ה. די זון שיינט און ס'איז היינט בעזונדערס שען.

א ל ח נ ן (ערוואכענד). וואס, דו זאגסט עפעס?

נ ח מ י ה. איך זאג, אז איהר זענט נאך מונטער און פריש, ווי אין דער יוגענד.

א ל ח נ ן. מערקווירדיג! מיינע מיטעלע יאהרען זענען פון מיר אינגאנצען פערשוואונדען געווארען און קינדערשע נארישקייטען שווי=

מען פֿאַר מיר אַרויס. איך בין קינדווייז אַ בעל־פּחדן געווען. אונזער שטוב איז אויף אַ הויכען אָרט געשטאַנען, מ׳פֿלעגט זיך זעהן די גאַנצע געגענד אַרום. דער טייך, וואָס איז ניט ווייט דורכגעגאַנגען, פֿלעגט זיך יעדע ווינטער צוגיסען, און די גאַנצע געגענד איז געשטאַנען אין וואַסער. אין שוואַרצע, אָהן בלעטער, פֿלעגען שטעהן די בוימער ביז העלפֿט אין וואַסער, און פאַכען מיט די נאַקעטע צווייגען... כ׳פֿלעג ביינאַכט מורא האָבען אַליין צו שלאָפֿען. מיר פֿלעגט זיך אויסדוכטען, אַז די בוימער הויבען זיך אָן ביינאַכט צו בעוועגען און וואַנדערען אום איבער די בלאָטעס... ס׳ווערט פֿינסטער... כ׳וועל מיינע קינדער געהן זוכען... קינדער מיינע, קינדער מיינע! וואָס האָט איהר מיך פֿערלאָזען!...

נחמיה. איהר זענט ניט אַליין.

אֶלחנן. כ׳האָב זיך גאָר פֿערפֿלוידערט... כ׳האָב זיך גאָר פֿערפֿלוידערט. איך וועל געהן צו מיינע קינדער (געהט אַרויס פֿון שטוב) דאָס איז דער שטורם אַליין, דאָס איז דער שטורם אַליין...

נחמיה (בלייבט אַליין זיצען אויפ׳ן דיוואַן).

(פּויזע).

רבקה (קומט אַריין, וואַרפֿט זיך נחמיה׳ן אויפ׳ן האַלז). ביזט דאָ! זאָג, וואָס האָסטו זיך אַזוי געשפּעטיגט? כ׳האָב שוין קיין כח ניט געהאַט צו וואַרטען אויף דיר (קוֹשט איהם), איך וויל לעבען — און דאָ — אמת׳ע טויט־שרעק... מ׳איז גאָר ווידער ליכטיג געוואָרען... קיינער ניטאָ?

נחמיה. כ׳האָב מיט׳ן אַלטען פֿערבראַכט. זיינע אויגען בלאָנזשען אַרום הערשראָקען.

רבקה. בעלאַ איז אויך ניטאָ?

נחמיה. ניטאָ.

רבקה. זי ווייס גאָר ניט, אַז דו ביזט דאָ?

נחמיה. זיי מוזען אַלע אין גאָרטען זיין.

רבקה. דער זיידע איז אויך ניטאָ?

נחמיה. ניטאָ.

רבקה. און די מוטער?

נחמיה. זי מוז היטען בעלאַ׳ן, זי זאָל זיך ניט שרעקען.

רבקה (שיט אויס פֿון שירץ אַ באַרג פֿערשידענע בלומען). זעה, וואָס בלומען איך האָב געבראַכט! איך בין אונטערען שטאָדט געווען. האָב האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט שוין דאָ... כ׳האָב זיי אַלע פֿאַר דיר געריסען. די גאַנצע נאַכט האָב איך ניט

געקענט אַנ'אויג פֿערמאַכֿען. כ'האָב זיך קוים ביז פֿריהמאָרגען דער־וואַרט, איך זאָל קענען פֿאַר דיר פֿרישע בלומען קלײַבען... די מוטער האָט מיך ניט געלאָזט געהן, איך האָב זיך אַרויסגעגנבֿעט — זעה, ווי שען דאָס איז!

נחמיה. ווײַז, איך וועל דיר זיי אין דײַנע לאָקען אײַנפֿלעכֿטען.

רבֿקה. כ'האָב מורא פֿאַר דער שוועסטער. זי וועט זעהן בײַ מיר בלומען אויפֿ'ן קאָפּ. זי וועט פֿערשטעהן, אַז כ'האָב זיי אויפֿ'ן בית־עולם צווישען די קבֿרים געריסען... הערסט, נחמיה, וואָס בײַנאַכֿט איז געווען? די מאַמע האָט זיך אויך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. איך האָב נעדריעמעלט, נאָר די אויגען זענען בײַ מיר געווען אָפֿען. אינגאַנצען אָפֿען... און איך הער: עס עפֿענט זיך די טיהר; און דערנאָך שטילע, נאָר שטילע טריט, קינדערשע טריט... און איך זעה, מײַן פּיפּע, וואָס כ'פֿלעג זיך מיט איהר שטענדיג שפּיעלען געהט אום איבער'ן שטוב... אָבער אַזוי שען! די בלאָנדע לאָקען איהרע צואוואָרפֿען אויפֿ'ן שטערען. כ'האָב זיך שטאַרק צולאַכֿט, — אָבער שטאַרק געלאַכֿט!

נחמיה. וואָס האָסטו געלאַכֿט?

רבֿקה. זי האָט ווי אַ קלײַן מלאכ'ל אויסגעזעהן. כ'האָב אויס־געצויגען די הענד און געוואָלט עס אַכאַפּ טהאָן און אויפֿ'ן געלע־גער אַרויפֿנעהמען. און כ'האָב זיך פֿאַר מײַן אייגענער נאָז געכאַפּט (לאַכֿט), כ'האָב אַזוי פֿיעל געלאַכֿט, אַז כ'האָב שוין ניט געקענט אויס־האַלטען... איצטער ביזטו דאָ — אָט האָסטו דיר! (שיט איהם אָב מיט בלומען) אָט האָסטו דיר...

נחמיה. וואו האָסטו זיי געריסען?

רבֿקה. כ'זאָג דאָך דיר, אַז כ'האָב זיי אויפֿ'ן בית־עולם גע־ריסען. כ'האָב מורא: זיי קענען זיך נאָך אין שטוב דערוויסען, אַז כ'האָב זיי אויפֿ'ן בית־עולם געריסען.

נחמיה. געהסט אויך אויפֿ'ן בית־עולם?

רבֿקה. נאַרעלע! איך קלײַב דאָרט נאָר די בלומען. די שענסטע בלומען וואַקסען אויפֿ'ן בית־עולם. זאָג מיר, נחמיה, וועד־פֿערדיענט עס דאָרט אַזוי פֿיעל בלומען?

נחמיה. דאָס זענען שענע געדאַנקען, וועלכֿע מען האָט דאָרט לעבעדיגערהייד בעגראָבען — איז פֿון זיי שענע בלומען אויסגע־וואַקסען.

רבֿקה (בעקוקט די בלומען). אָך, ווי וואונדערליך! כ'האָב עס גאָר קיין מאָל ניט געוואוסט. (קיסט איהם) אַלעס דערצעהלסטו מיר,

אַלעס דערציילסטו מיר... ראָזען, רויטע ראָזען וואַקסען דאָרט אויך.

נחמיה. און נאַנצע בלומען־שטריכען האָסטו געזעהען?

רבקה. ניין.

נחמיה. אויף אַנאַנדער אָרט וואַקסט אויס אַ גרויסער שטרויס מיט אַלערליי בלומען.

רבקה. כ'האָב עס יאָ געזעהן — און אפשר האָב איך עס ניט געזעהן. — וואָס בעדייט עס?

נחמיה. דאָס איז אַ צייכען, אַז אויף יענעם אָרט האָט מען בעגראָבען אַ האַרץ... וואָס איז פול מיט ליעבע געווען, וועלכעס האָט מיט ליעבען געשלאָגען — איז אויף דעם אָרט אַ שטרויס בלומען אויסגעוואַקסען.

רבקה. (פערוואונדערט). קען מען אַ ליעבעדיג האַרץ אויך בעגראָבען?

נחמיה. יאָ, עס טרעפט.

רבקה (פערטראַכט זיך). אַך, מיין שוועסטער מוז אויך קיין האַרץ ניט האָבען... געשטאָרבען איהר האַרץ... שוואַרצע פליגעל — וואָס זי, העננען איבער'ן שטוב...

נחמיה. דו פלודערסט אויך?

רבקה. ווען איך וואָלט וויסען, וואָס פאַר אַ געדאַנק עס ליגט אין יעדען בלימעלע. זאָג, נחמיה, וואָס קען איצטער טראַכטען אָט דאָס בלויע בלימעל? (שיט נחמיה'ן אָפּ מיט בלומען), אָט האָב איך דיך מיט שענע געדאַנקען אָבגעשאָטען.

נחמיה. גיב, איך וועל אין דיינע אויגען קוקען און דיר אַ מעשה דערציילען.

רבקה. ווייסט עס פון מיינע אויגען לעזען?

נחמיה. איך וועל זי פון דיין האַרץ שעפען.

רבקה. קיינער איז ניטאָ?

נחמיה. קיינער איז ניטאָ!

רבקה. און טאָמער וועט ווער קומען?

נחמיה. ווער קען קומען?

רבקה. ניי, איך וועל שוין מעהר ניט פרעגען. (ווערט פינסטערער).

נחמיה (לעגט זיין קאָפּ אויף איהר שולטער).

רבקה. זעה, מיר זיצען אין בלומען.

נחמיה. דו האָסט עס זיי געבראַכט.

רבקה. אויפ'ן בית־עולם געריסען.

נחמיה. געדאַנקען געריבען... הייליג איז דאָס, וואָס ווערט אינשולדיג געטהאָן.

רבקה. וועסטו מיר דערצעהלען?

נחמיה. עפען ברייט דיינע אויגען.

רבקה. גיב מיר דיין קאָפּ.

נחמיה. איז דיר וועניג מיין האַרץ?

רבקה. די לאַכסט?

נחמיה. ווייט, גאָר ווייט — דאָרט, וואו דער הימעל לאָזט זיך איננאַנצען אַראָב, דאָרט וואו די שטראַהלען פון אונזער זון קומען גאָר ניט צו, איז פאַראַן אַ וואונדערשעהנעס לאַנד, — דאָס לאַנד פון ליעבע און גלויבען...

רבקה. איז דאָרט פינסטער?

נחמיה. און דאָ איז פינסטער?

רבקה. ביי אונז אין שטוב?

נחמיה. יאָ.

רבקה. נו, כ'וועל שוין מעהר ניט פרעגען!

נחמיה. און יענע מענשען האָט גאָר אַנאַנדער גאָט בעשאַפען — ליבע און גלויבען זענען דאָרט די מושלים. אַנשטאָט אַ האַרץ האָט דאָרט יענער גאָט די מענשען — אַ זין געגעבען, וועלכע שיינט ליבע, גלויבען אויף אַלע וועגען, אויף אַלע שטעגען, וואו נאָר דער מענש זאָל אַפילו ניט שטעלען... יענער גאָט האָט דאָרט ביי די מענשען אין די אויגען איינגעפאַסט פלאַמען הייסע, ווי די ליבע אַליין. און די זינגענדהערצער בלאָנזשען אום אין דעם וואונדער־שעהנעם לאַנד. און ווען דורך ליעבע און הייסען גלויבען פרעסען, שליסען זיך ברוסט צו ברוסט און האַרץ צו האַרץ, הערט ערשט דאָרטען דאָפּעלט ליכטיג. עס שימערט, עס פינקעלט דער גאַנצער געגענד אַרום. און שטראַהלען שיסען אויף טויזענדער מיילען... און די מענשען פערשטעהן דאַמאָלסט דאָרט, אַז דאָס האָט אַ האַרץ אַ האַרץ געפונען. און עס טרעפט, אַז די שטראַהלען שלאָגען דורך דעם האַרטען הימעל, זיי רייסען דורך די שווערע וואָלקען און טראָגען זיך אין לופטען, ווי הייסע פיילען...

רבקה. פאַלען זיי אַמאָל צו אונז אויף דער ערד אויך אַראָב?

נחמיה. עס טרעפט.

(פויזע).

רבקה. איך וויל אין דיינע אויגען קוקען.

נחמיה. ווילסט וואָס פון מיין האַרץ שעפּען?

רבקה. איך וויל דיר וואס דערצעהלען.

נחמיה. פון ליבע און גלויבען?

רבקה. אט וועל איך באלד בעטראכטען... פון בלומען — גוט? אמאל איז געווען א שטאדט... ניין — א דארף איז עס גאר געווען! און נעבען דארף א הויכער בארג, און נעבען בארג א טיפער טאל — גאר א טיפער טאל! ניט קיין מענש און ניט קיין פויגעל האבען געוואוסט פון יענעם טאל... ניין, פויגעל האבען יא געוואוסט! און פון הויכען בארג האט א קוואל געשאסען און פלעגט אין טאל זיך אראבקלייבען. און פון טאל פלעגט זיך דאס טייכעל שטיל ארויסשלענגלען און לויפען ווייט ווייט, אזש ביז דעם וועג אין דארף אריין. אמאל, ביינאכט, איז דורכגעפלויגען א מלאך אין לופטען, און ער איז געווען בעהאנגען מיט קליינע ריינע נשמה'לעך פון קליינע ריינע קינדערלעך. דאס האט ער זיי אויפגעקליבען פון אלע, אלע ווינקעלעך. געטראגען האט ער זיי אין בלאהען הימעל אריין אויף איבערנאכט. און ווען דער מלאך איז געווען איבער יענעם שטילען טאל, זענען צוויי קליינינקע פערשלאפענע נשמה'לעך פון דעם מלאך'ס פליגעלעך אראבגעפאלען גלייך, גלייך אין טאל אריין. און דער מלאך האט עס גאר ניט געשפירט; ער איז גלייך צום הימעל אוועקגעפלויגען. און אין טאל ביים טייכעל זענען געוואקסען צוויי ווייסע, שניי־ווייסע, שלאנקע ליליען. זענען די צוויי נשמה'לעך אין די בעכער פון די צוויי ליליען אריינגעפאלען. די נאכט האט זיי פערשלעפערט. בעגינען, ווען די זון איז אויפגעגאנגען איז אויף זיי שטראהלען־ליכט געפאלען און זיי האבען זיך אויפגעוואכט. און איין נשמה האט ניט ווייט פון זיך א צווייטע דערשפירט... און ווען ס'איז געווארען א ווינטעל האט זיך געבויגען איין ליליע צו דער צווייטער און איין נשמה האט די צווייטע געקושט...

(איהר קאפ פאלט אויף נחמיה'ס שולטער).

(שטיל).

נחמיה. גיב מיר דיינע אויגען.

רבקה. ווערסט מיר וואס דערצעהלען?

נחמיה. איך וויל אין זיי יענעם טאל געפינען.

רבקה. און די צוויי נשמה'לעך?

נחמיה. יענעם פרישען קוואל.

רבקה. גיב מיר דיינע אויגען.

נחמיה. דו ווילסט וואס דערצעהלען?

רבקה. איך וויל יענעם לאנד געפינען.

נחמיה. ווילסט דאָרט יענע מענשען זעהן?

רבקה. איך וויל דאָרט יענע הערצער געפינען... ש־ש־ש! מען געהט!

נחמיה. זיי לאָזען זיך שוין מיט'ן טרויער זייערן.

רבקה. בעלא'ס קול הער איך, דאָס איז זי.

נחמיה. לאָמיר אַוועקגעהן פון דאַנען.

נחמיה. לאָמיר דורכ'ן פענסטער אַרויסקריכען.

רבקה. לאָמיר אַרויסגעהן דורכ'ן פענסטער, אין גאָרטען אַריין. מיר וועלען זיך צווישען די געדיכטע עפעל־ביימער בעהאַלטען. נעהם די בלומען מיט.

נחמיה. קום, מיר וועלען דאָרט פרישע בלומען רייסען. (קריכען אַרויס דורכ'ן פענסטער).

(פויזע).

אלחנן. (קומט אַריין. נחמיה! נחמיה! ער איז ניטאָ? (קלערט אַ ווײַלע), פרעמד איז מיין מאַמען שטורם געוועזען... פרעמד איז מיין יוגענד טויט־שרעק געוועזען... מען רופט מיך... ווער קלאַפּט? ווער קלאַפּט?..

בעלא. (קומט אַריין, וואַרפט זיך דעם אַלטען אין די אָרעמס). זיידע... זיידע! בעשיץ מיך. בעשיץ מיך... זעה, שוואַרצע פליגעל לאָזען זיך אַראָב איבער אונזער שטוב... איך האָב איהם געזעהען נעבען אונזער שטוב... ער געהט אום און זיינע גלידער קנאַקען אַ ביין אין אַ ביין... עס קנאַקען זיינע גלידער... זיידע... רעד וואָס!.. וואָס שווייגסטו?.. זאָג כאָטש איין וואָרט... כאָטש איין וואָרט... איך שטאַרב פון שרעק...

אלחנן (שעפּטשעט). מען קלאַפּט... מען קלאַפּט...

בעלא. רבקה! וואו איז רבקה? ווער האָט דאָ בלומען געבראַכט? איך הער אַ ריח פון בלומען...

אלחנן. קברים־ריח הערט זיך פון זיי! בלומען מיט קברים־ריח... אויפ'ן בית־עולם צווישען די קברים געוואַקסען...

בעלא. זיידע בעשיץ מיך! ס'ווערט פינסטער אַרום...

אלחנן. כ'ברעכט זיך אין מיין האַרץ... אַלץ ברעכט זיך דאָרטען... דער שטורם האָט זיך אָהין אַריינגעריסען... ווער קלאַפּט עס אין מיינע ווענד?.. ווער קלאַפּט עס אין מיינע ווענד?!.. ווער קלאַפּט עס אין מיינע ווענד?!..

בעלא (טוליעט זיך צום אַלטען אין שרעק). אָט געהט ער... אָט געהט ער... אָט געהט ער... (ס'ווערט פינסטער. זיי בלייבען

ביידע שטעהן פעסט געארעמט. ציטערן פון שרעק. הירכ'ן אפע=
נעם פענסטער טראגט זיך פון גארטען נחמיה'ס אין רבקה'ס געזאנג,
זיי זינגען אין צוויי שטימען:

עס שלאגט פון בארג א זילבער קוואל
פער—פלייצט דעם טאל, פער—פלייצט דעם טאל
פער—פלייצט דעם טאל!
וועלטען שענע בע—גראבט דער מענש
מיט זיי—נע הענד, מיט זיי—נע הענד,
מיט זיי—נע הענד!...

ווילנא, אלול תרס"ו.

פֿערלאג „די וועלט" ווילנא.

אין דער פינסטער.

(א דראמאטישער עטיוד)

פרץ הירשביין.

געווידמעט דעם אנדענקען
פון מײן זעליגער מוטער,

П. Гиршбейнъ.

ВЪ ТЕМНОТѢ,

драматическій этюдъ.

1907.

אַלֶע רעֶכטעֶן צוּיסצוּפֿיהרעֶן דיזעֶ דראַמאַ אויף דעֶר בּיהנעֶ
און איבּעֶרזעֶצעֶן בּעֶהאַלט דעֶר אַווטאָר פֿאַר זיך.

Набрано въ Типографіи Баскинда.
Печатано въ Тип. „Вдова и братья Роммъ"
Вильна.

אין דער פֿינסטער.

פֶּערְזָאנֶען:

פײַװעֶ אַ גאַס־מענש.

פעשקעֶ זײַן טאָכטער.

פײגעֶ פײַװעֶ׳ס מוטעֶר, בלינד.

בײניש אַן׳אַלטער טרעֶגער.

אַברם׳ל אַ יונגער קוימען־קעהרער.

ווינטער=אבענד.

ביי פייוועץ: צוויי שמאל=לאנגע חדרים'לעך אין א טיעפען קעלער. ווען עס ווערט ליכטיג אויף דער סצענע, זעהט זיך אין פארדערגרונד=צימער, רעכט'ס, א באק=אויבען און א קיך. אויף דער ערד טעפלעך שווארצע א. ד. ג., לינקס: פענסטער, טיעף אין דער וואנד פערגראבען. שטיקלעך צובראכענע מעבעל. אין דעם הינטער=גרונד א צווייטער צימער. פון אנ'אייזערנעם אייוועלע ציהען זיך שווארצע רעהרען ביז צום קוימען אין דעם פאדערשטען צימער. (אויף דער סצענע איז פינסטער און א ווילע לעדיג. פון צווייטען צימער הויבט זיך אן צו הערען דער אלטער פייגע'ס טריט בעגלייט מיט קרעכצען און זיפצען).

פייגע (טאפט און זוכט). ארויס, ווייזט אויס, פון שטוב. נור אנדרעמעלט געווארען און דאס איז שוין ארויס... קאלט דער אויווען. נישט דערלעבט זיך אנצואווארעמען... און שוין קאלט... הו—הו—הו... פינסטער. נישט צו מערקען, ס'זאל וואס ברענען! (פלאנטערט זיך ארום אין דער פינסטער) פעשקע! הא?... ארויס. האט זי נישט געלאזט אפען די טהיר? קאלט... פערמאכט. ס'אלעבען, ס'אלעבען! הו-הו-הו... אבי נישט אין גאנצען אין דער ערד. (די טהיר עפענט זיך עמיצער קומט אריין) ווער געהט? הא, ווער געהט? ביינישי?

ביינישי. גוט נ'אווענד! דאס בין איך.

פייגע. ביינישי?

ביינישי. איך בין עס. גאר אין דער פינסטער?

פייגע. בעדארף איך דען ליכט? איך זוך, פעשקע איז נאר וואס געוועזען אין שטוב. אנדרעמעלט געווארען. שטארק פינסטער, וואס?

ביינישי. שטארק פינסטער. סע באנ'אייך קאלט. געמיינט די ביינער אביסעל אנווארעמען.

פייגע. א שטארקע קעלט. וואס זאגט איהר?

בײניש. אַמוראדיגע קעלט: גאָר ניט אײַנצו־שטעהן.

פײגע. פערדינט וואָס?

בײניש. אפילו דעם שטריק פון זיך ניט אָב־געבונדען... קאַלט. מסתמא ניט געהײצט הײַנט?

פײגע. געהײצט, ווי דען?

בײניש. מיט שפענער מסתמא?

פײגע. מיט גראָבע שײַטער האָלץ. אַלײן זײ מיט מײַנע הענד געזעהן.

בײניש. גאָר אַמוראדיגער פראָסט!

פײגע. איז אײַך נישט פינסטער?

בײניש. פינסטער, חושך!

פײגע. דאָרט אויפ'ן טיש דאַרף שטעהן אַ לאָמפּ (זײ געהען בײדע אין צווײטען צימער).

בײניש. אָט דאָס איז עס! איצטער בעדאַרף מען שוועבעלעך געפינען.

פײגע. זעהט אויפ'ן קאַפּטער.

בײניש. אויפ'ן קוימען?

פײגע. דאָרטען ליגען זײ אַמאָל... ס'וויל אין שטוב ניט אײַנזיצען. אפשר שלאָפט זי ערגעץ — זײַ מוחל, טהו אַ קוק.

בײניש. ווער?

פײגע. פעשקע. זי זיצט אין שטוב. געהט אָהן שיך.

בײניש. קײנעם ניט צו זעהן, פינסטער — אַ טורמע.

פײגע. בין איך, הײסט עס, לאַנג געשלאָפען. ס'שלאָפט זיך שוין. די ברעמען לאָזען זיך אַראָב בעצײַטען. נאָך פון די ליכטיגע יאָהרען געוועהנט, אַבי וואָס — אויפרײַסען די אויגען... צו אַזוי, צו אַנדערש, ברוך השם, פינסטער... נישט געפונען?

בײניש. כ'ווײס ניט, וואו צו זוכען. אַמוראדיגער פראָסט געוועזן. אַז מען פערדינט ניט, לאַפט שוין גאָר פאַר'ן האַרצען.

פײגע. נישטאָ. קען אין שטוב ניט זיצען. בײַ טאָג איז דאָ געוועזן ווער אין שטוב. מען האָט זיך

געשושקעט... זאָל עס אבֿרמטשיק זיין? ניש צו דערגעהן געוועזן.

ב י י נ י ש. איי, וואָלט איך ביי איהר דערגאַנגען! וואָס זאָגט פֿייוועֿ? און די שטריק? וואָס זשאַלעוועט מען די שטריק?

פֿ י י ג ע, אויף אַ יונג לייב די שטריק איינדרעהען, טהוט וועה. צו יונג איהר לייב פֿאַר'ן שטריק. ס'וויל נישט טהאָן. ס'וויל דעם יאָך אויף זיך נישט שלעפּען. זאָל איך איהר דעם יאָך אָנהענגען? נישט צו זעהן, וואָס אויף דער ווייסער וועלט טהוט זיך. באַלד דרייסיג יאָהר. אפשר זעהט שוין אַפילו די גאַס גאָר אַנדערש אויס...

ב י י נ י ש. אָבער ווי לאָזט עס אַ מויד די באָבען אין דער פֿינסטער? פֿייוועֿן דאַרף־מען אַביסעל אונטערטרייבען. כ'וועל איהם באָרגען מיין שטריק.

פֿ י י ג ע. ער האָט זיין אייגענע שטריק... הו—הו—הו... אָט אַזוי זיצט מען אין דער פֿינסטער. בלינד און עס גלוסט זיך, פֿייער זאָל ברענען. הו—הו—הו עלטערע קינדער שלאָגען: ס'הייסט זיך אַליין מיט די פֿויסטען... געקענט אַ מאַמען, האָט אָנגעהויבען שלאָגען איהרע קינדער נאָך אין די געדערעם... זיך איבער'ן בויך מיט די פֿויסטען. דאָס ביטער לעבען נישט פֿערטראָגען. דער מאַן האָט גענאָגט. נישט געוועזן, צו וועמען אויסצולאָזען דעם כעס... אַ גאַל פלאַצט. וואָס איז אַ קינד שולדיג? אַ יונג קינד? ס'וויל שטיפֿען, ס'וויל זיך קעהרען קאָזאָלקעס.

ב י י נ י ש. איי, וואָלט איך פֿאַר דעם מיט'ן שטריק פּאַסען געריסען!

פֿ י י ג ע. און ווער האָט פֿייוועֿן דאָס לייב געריסען? אַ שטיפֿער געבאָרען געוואָרען, נאָך ווי אַ שטיפֿער! אַ שווער טראָגען געהאַט מיט איהם. געוואָלט פֿאַר דער צייט פֿון די געדערעם אַרויסשפּרינגען. אויפ'ן קאָפּ זיך געשטעלט און מיט די פֿיסלעך אין האַרצען געטראַסקעט... גאָר אַ שווער טראָגען! געבאָרען געוואָרען—און מיט זיך דעם יאָך מיט געשלעפּט. אין מיינע געדערעם אַליין דעם יאָך געכאָוועט. (אין צווייטען צימער ווערט מיט אַמאָל ליכטיג)

פ ע ש ק ע. (זי קומט אויפ'ן סצענע מיט א אנ־געצונדענער שוועבעלע)

ב י י נ י ש. גאר! דא איז זי, גאר ניט געוואוסט.

פ ע ש ק ע. בעווייזט מיר נאר, ביינייש, אייער שטריק, אין וויפיעל איז זי געדרעהט? (דאס פייער פער־לעשט זיך) איהר ווילט בארגען דעם טאטען אייער שטריק—איהר קענט דאך איהם אפילו פון זיך ניט אבבינדען.

פ י י ג ע. כ'האב געמיינט, ביזט ערגעץ וואו גע־גאנגען. מאך פייער, מיין קינד.

פ ע ש ק ע. וואוהין זאל איך געהן בארפוס אין א פראסט?

ב י י נ י ש. אונטער'ן טיש האט זי זיך בעהאלטען מסתמא. אומעדום געזוכט. הא—הא—הא אליין האט זי געהערט. אבי אנ'אמת גערעדט. דער טאטע זשאלעוועט אביסעל.

פ ע ש ק ע. ער זשאלעוועט, ער זשאלעוועט.

ב י י נ י ש. איז ער א נאר. קינדער מוז מען שלא־גען. נאר געפאסעוועט אויפ'ן הוילען לייב.

פ ע ש ק ע. ווי גוט איז אייך, ביינייש! ווי גוט איז אייך!

ב י י נ י ש. נו, נו, איך האב חוזק געמאכט. גלויב מיר, איך האב חוזק געמאכט.

פ י י ג ע. האסט גאר נישט חוזק געמאכט, ביינייש, ס'רעדט זיך א מאל ארויס און מען מיינט אליין, אז דאס איז אנארישקייט.

ב י י נ י ש. אויף א טאטען דארף מען זיך ניט אנלעגען, א טאטע דארף שלאגען, אז א קינד לעגט זיך אן אויף זיינע פלייצעס.

פ ע ש ק ע. כ'וויים ניט, מיינט איהר, אז איהר האט גערעדט מיט'ן טאטען? ביינייש מיינט, אז מיט זיינע שטריק וועט ער קענען העלפען דעם טאטען מיך צובינדען.

פ י י ג ע. צינד בעסער אן א ליכט.

פ ע ש ק ע. כ'קען אין דער פינסטער אויך זיצען. (זי צינדט אן א שוועבעלע) איהר וואלט האבען אייגענע קינדער, וואלט איהר שוין גאר אנדערש גערעדט. איז

אין כעס, און ווייסט אפילו ניט, וואס א קינד איז.

ביינ יש. איך וואלט זיי ניט געשאנעוועט. פאר־צינדען שוועבעלעך אומזיסט, וואלט איך די פינגער געבראכען... איך לאך, נאר!

פעשקע. ס'איז מיר אליך איינס: יע געלאכט, ניט געלאכט. מיינע קלײדער זענען איפ'ן וואנד צופוילט געווארען פון שימעל. ווי לאנג נאך וועל איך דא זיצען? ביז מיינע זייטען וועלען אנהויבען צופוילען? לעבעדי־גערהייד פוילען וויל איך ניט, און—כ'וועל ניט! (זי רייבט אן א שוועבעלע.)

פייגע. נישט צינד אומזיסט, נישט צינד... איז עס יונג, איז עם אהן שכל; ס'וויל קלוג זיין. נאריש קינד! וואו מען ווערט געבארען, דארט ווערט מען פער־לארען... אין קעלער האט דיך דיין מאמע געבארען, וואס נישט? נאך נאסער ווי אין דעם געוועזען... די ווענט מיט שימעל בעדעקט. פאר'ן בעט מיט זעק פער־האנגען. די זעק צופוילט געווארען. דו האסט געלאכט, געקלאפט מיט די פיסלעך און געלאכט. אנדערע קינ־דער הויבען גאר פריה אן צו לאכען; אויף דער אנ־דערער וואך; נאך גאר אין קינד־בעט... הויבט עס נאר אן צו רעדען, לאכט עס שוין ניט מעהר, וויינט עס...

פעשקע. איך וועל איצטער מעהר ניט וויי־נען... וויינען—מעהר ניט!

ביינ יש. וועסט נאך וויינען אין די פויסטען; בעגראבען דעם קאפ אין קישען און וויינען... ביי מיר איז ווארעמער—א גוטע נאכט! (געהט ארויס.)

(פויזע)

פעשקע. ער האט אפילו קיין שכל ניט א געלעכטער צו מאכען. בונטעוועט דעם טאטען.

פייגע. דער טאטע איז איצטער אויך ניט שלעכט. צרות, מיין קינד, מאכען שלעכט. מען ווערט בייז אויף זיך אליין—שילט מען זיך אליין. א קינד איז דען ניט א שטיק פונ'ם אייגען לייב?

פעשקע. ער קען דאך ניט זעהען אפילו, אז איך הויב אויף דעם קאפ.

פייגע. אז זיין קאפ, מיין קינד, ליגט איהם צעהן איילען אין דער ערד. צי לאכט ער אמאל,— כ'הער נישט. קיין מאל נישט. צרות נאגען. מען לעבט אין קבר. דוכט זיך, כ'זעה נישט, אין די אויגען פינסטער; איז דען א חילוק וואו כ'זיץ, אויבען, צי אונטען? אלץ איינס, דוכט זיך—ניין! אבער ניין. שפיר איך מיט מיינע בלינדע אויגען, אז כ'ליג אין גרוב. קענסט זיך נישט אויפהויבען, וואס קומט פון דעם ארוים?.. הו־הו־הו—ביזט גערעכט, מיין קינד, ביזט גערעכט... (איהר קול ציטערט) קום צו מיר, מיין קינד. מיט מיינע בלינדע אויגען שפיר איך, אז דו ביזט גערעכט; כ'וועל דיך מיט מיינע הענד בעשירמען. דער טאטע וועט דיך נישט טשעפען. כ'וועל איהם נישט לאזען שלאגען. כ'וועל איהם זאגען—

פעשקע. וואס האסטו דען איהם צו זאגען? כ'ווייס נישט, צי ער שלאגט מיך פאר ליבשאפט, צי פאר יסורים.

פייגע. כ'וועל איהם זאגען, מיין קינד, אנ'עלטער קינד, אנ'עלטער קינד בעדארף מען שאנעווען, מען דארף פאר דעם הרך ארץ האבען. ער קען נישט זעהן, מיין לעבען, אז דו געהסט אום לעדיג. א מענש, אז ער טרינקט זיך, אפילו א שטרייעלע איז איהם שווער אויף זיך צו האלטען... וואו ביזטו, מיין קינד?

פעשקע. אט בין איך (זי צינדט אהן א שוועבעלע).

פייגע. אז דו מאכסט פייער, דוכט זיך מיר, אז איך זעה דעם גאנצען קעלער.

פעשקע. זעהסט נית, באבע, זעהסט נית, אך, אז קיינער פון אונזערע זעהט איהם נית (ס'ווערט ווידער פינסטער).

פייגע. אט, זעהסטו, האב איך געמערקט, אז עס איז ווידער פינסטער געווארען.

פעשקע. כ'וועל דיר מאכען באלד ווידער ליכטיג (רייבט א שוועבעלע).

פייגע. א שאד, א שאד. געוויס מערק איך. אלץ מערק איך. אפילו דיך מערק איך אויך. (אין

א ווײלע ארום). די שטוב לעדיג. כאטש וואַרעמע וואסער; ער וועט קומען פון גאס א צופראָרענער...

פעשקע. עך, וואַרעמע וואסער, וואַרעמע וואסער! וואס וועט פונ'ם ביסעל וואסער ארויסקומען? זאל שוין זײן, וואס עס וויל. איך האב נישט געקענט. באבע, איך האב מעהר נישט געקענט! פון הונגער שטארבען, אבי נישט לעבעדיג פערפוילט ווערען. אך, באבע, באבע, באבע! (זי ווארפט זיך צו דער אלטער אויפ'ן האלז)

פײגע. דו ביזט שוין אזוי לאנג פון פאבריק און דער טוטון האט נאך נישט אויסגעוועבט.

פעשקע. די ביטערניש וועט זיך שוין העַרען פון מיר, צײט איך וועל לעבען. (שטיל. פלוצלונג מיט א העכערען אויפגערעגטען טאָן) זאג מיר, באבע, פארוואס איז אזא יונג-בלוט, ווי איך, אזוי אומעטיג?.. באבע, מיר איז אומעטיג, מיך דריקט! כ'וועל אפשר אויסגעהן פאר אומעט? זאל דער טאטע קומען און מיר דאס לײב מיט א שטריק צופאסעווען, וועט מיר אפשר גרינגער ווערען.

פײגע. ביזט, מײן קינד, זיבצעהן יאהר אלט— און איך זיבציג. שווער איז צו פערמאכען די אויגען... פערמאכט מען זיי שוין יא—פאלט פון הארצען א שטיין אראב. דיר איז אומעטיג, און מיר איז פינסטער.

פעשקע. מײנסט, באבע, כ'פויל זיך צו ארבײטען. כ'בין ניט פויל, באבע! אלץ אין דער וועלט וואלט איך געטהאן, אבי מיר זאל גרינגער ווערען.

(פויזע)

פײגע. מאך זיך, מײן קינד, א וועג, ווי אזוי פון דאנען ארויסצוגעהן... כ'האב פריהער געזינדיגט. מיר האט זיך געדוכט, מען רעדט, מען שושקעט זיך... מסתמא אברהמ'טשיק געווען... אפשר וועט ער דיך פון דאנען ארויספיהרען... כ'האב פאר ביינישען גערעדט, כ'האב עס נישט געטאָרט...

פעשקע. אך, באבע! ווען דו זאלסט וויסען, ווי אט דא קלעמט מיר; עס רײסט מיר מיט אײזערנע קאמען. דאס גאנצע לײב ווערט מיר קאלט און

װידער הײס... אין די אױגען װערט מיט אַמאָל נאָך פֿינסטערער, װי דיר איז... די מאַמע פֿלעגט מיך פֿאַר די האָר רײַסען. איך בין קלײן געװען. כ'האָב נישט פֿערשטאַנען, פֿאַר װאָס, כ'האָב געװײנט און נישט געװוּסט, פֿאַר װאָס. און זי האָט מיך פֿאַר די האָר געריסען. זאָג, צי איז איהר דען גרינגער געװאָרען, אַז מיר האָט װעה געטהאָן?......

פֿײגע. זי האָט זיך אַלײן פֿאַר'ן האַרצען געריסען. כ'װײס, מײַן קינד, װי זי האָט דיך ליעב געהאַט, נאָר די יסורים. דײַן מאַמע איז פֿון הונגער געשטאָרבען. דיך האָט זי מיט קאַרטאָפֿעל געקאָרמעט, און אַלײן די שפּײַעכֿץ געשלונגען... די טרערען געשלונגען... (שװײַגט אַ װײַלע) באַלד װעט דער טאַטע קומען. הונגעריג, און דו האָסט פֿאַר איהם גאָרנישט צוגעגרײט, מיט װאָס זיך צו קװיקען, װעט ער באַלד זײַן אין כּעס... אַ מאַמע קען אַלץ, אַ טאַטע—נישט. אַ מאַמע קען פֿאַר דער צײַט אין דער ערד אַרײַנגעהן—אַפֿילו לעבעדיגערהײד. און װען דײַן מאַמע האָט געװײנט איבער דיר, װען דו האָסט, נישט הײַנט געדאַכֿט, געפּאָקט און געמאָזעלט און װען די צרה האָט זיך אין האַלז אַרײַנגעקליבען, האָסטו שוין נישט געהערט... דאָס, מײַן קינד, האָב איך געהערט... מיט מײַנע בלינדע אױגען, און מײַן לײַב האָט געברענט: טרערען האָבען געשרפֿ'עט. אַ בלינדער קען נישט װײנען. נײן, ער קען נישט. איז דען דײַן מאַמע מײַן טאָכֿטער נישט געװען?.. אײן שטיק ליכֿט... אײנס און מיט מײַנע בלינדע אױגען האָב איך געשפּירט, װי עס געהט אײַן, געהט אױס װי אַ ליכֿט... הו-הו-הו—דיר איז אומעטיג, פֿאַרװאָס דען נישט? איך זעה נישט... בלינד. װאָלטען זיך מיר מײַנע אױגען געעפֿענט—װי אַ קלײן קינד װאָלט איך געכֿליפּעט... כ'װאָלט דײַן טאַטען דערזעהען—און נישט דערקענט. דער פּנים מוז זײַן פֿערענדערט... אַז מען שלאָגט אַן'עלטער קינד, בעדאַרף שוין דער פּנים זײַן שװאַרץ פֿאַר יסורים... אַז מען רײַסט אַ בת-יחידה פֿאַר די האָר.... מײַן קינד, פֿאַר יסורים טהוט ער דאָס... (שטיל).

פּעשקע. כ'בין אין פֿאַבריק געגאַנגען און גע-

פוילט אין דער ביטערניש, און פון אלע זייטען זיצען: פערגעלטע, פערגריינטע פנימ'ער און שווייגען... שוויי־גען און פוילען... און איך שווייג אויך. און אין מיר רייסט זיך, פלאצט דאס הארץ... ס'איז אויף מיר א פחד אנגעפאלען... באבע! עס ווערט אומעטיג. אוי ווי באנגליך! אז א ליכט געהט אויס און שמעלצט זיך... און אז מענשען שמעלצען זיך, געהען אויס; בויגען זיך און פאלען אין גאנצען אום—פאלט אנ'אימה אן...... זאג, באבע! צי בין איך אומגערעכט, אז איך ענטלויף פון פייער, איך זאל זיך ווי א ליכט ניט צושמעלצען?.. אז איך זעה, ווי א פנים ווערט געל, ווי א בלעטעל אין אסיען, האב איך מורא... ווערט מיר ביז צום שטארבען... מיר דאכט, אז מיט איינמאל איז מיין פנים צוקנייטשט געווארען... און די אויגען... אוי, באבע, כ'האב עס גאר מורא ארויסצורעדען פון מיין מויל... און דא איז נאך ערגער... זאג, באבע, צי פיהלסטו גארנישט, זיצענדיג אין קעלער, אז דער גרוי־סער מויער ליגט אויף דיר, אויפ'ן קאפ, ליגט און דריקט דעם שארבען מיט'ן מארך אינאיינעם?

פייגע (זי קושט פעשקע'ן). די יוגענד, אך, די יוגענד! ווי עס פיהלט, ווי עס שפירט דעם וועהטאג! בין איך יונג געווען, מיין קינד, מיט אויגען, אין דיינע יאהרען, האט מיין לייב אליץ געשפירט. וועה האט גע־טהאן—אונערבארמדיגע יסורים, מען האט מיר מיינע גליע־דער געבראכען. כ'האב די ליפען פערביסען—ביז בלוט, פאר יסורים פערביסען און געשוויגען. כח איז געוועזן מעהר, צום שווייגען—גבורה געוועזן... די גבורה איז ביי היינטיגע קינדער נישטא... הו־הו־הו—יסורים, יסורים און קיין גבורה איז נישטא..... (שטיל)

אברהמ'טשיק (קומט אריין). גאר אין דער פינסטער זיצט איהר—איז ווער דא?

פעשקע. קום אהער, אברהמ'טשיק!

פייגע. מיר האבען זיך פערדעדט און קיין פייער ניט אנגעצונדען.

אברהמ'טשיק. אין דער פינסטער זעהט מען נישט, ווי מיין פנים איז אין שאושע פערשמירט.

פּעשקע. ס'איז עפּעס קאַלט אויף דער גאַס?

אַבֿרהמ'טשיק. אַ פראָסט אַ שטאַרקער. שטע־הענדיג אין דער הויף אויף די קוימענס, איז נאָך קעלטער. דער ווינד בלאָזט פון אַלע זייטען.

פּעשקע. מען קען נאָך אַמאָל פון אויבען אַראָבפאַלען אויך. דער ווינד קען אַ טרייב טהאָן.

פייגע. אויפ'ן גלייכען וועג ווערט מען נאָך ניכער געשטראָפט.

אַבֿרהמ'טשיק. ס'איז גוט צו שטעהן אויפ'ן שפּיץ דאַך, און קוקען אין גאַס אַראָב, זעהען, ווי די מענשען קנורען זיך. זיי דרעהען זיך איין אין דרייען און לויפען פונקט, ווי עמיצער וואָלט זיי מיט אַ לאַנ־גער בייטש טרייבען.

פּעשקע. אָט צינד אָן דאָס לעמפּעל. אויפ'ן טיש שטעהט עס. מיר איז קאַלט אין די פיס, כ'גנעה באָרפוס.

אַבֿרהמ'טשיק. (ער צינדט אָן אַ קליין לעמ־פּעל און לאָזט עס שטעהן אויפ'ן טיש. דעם קעלער היהלען שאָטענס איין).

פייגע. שוין ליכטיג?

אַבֿרהמ'טשיק. וואָס האָט איהר זיך אַזוי איינגעקנורעט אינאיינעם?

פּעשקע (בעפרייט זיך פון דער אַלטער; איהר געזיכט איז בלאַס אָהן אַ שפּור פון פרעהליכקייט). מיר האָבען זיך געוואַרעמט... אוי, ביזטו שוואַרץ! וואַש אָב דעם פּנים ביי אונז (זי דריקט זיין האַנד).

אַבֿרהמ'טשיק (ער קוקט זי אַ צייט אָן אין די אויגען). כ'וועל מיין פּנים... (ער וואַשט זיך).

פייגע. פונדעסטוועגען, מיין קינד, מאַך פייער. אפשר וועט ער וואָס ברענגען פון גאַס, וועט מען פער־קאָכען.

אַבֿרהמ'טשיק. נו, איצטער בין איך שוין וויים?

פּעשקע. ביזט נאָך אַליך אין רוס פער־שמירט. (זי פאַלט איהם אויפ'ן האַלז. אַ ווילע שטיל).

פ ײַ ג ע. מאַכסטו פּײַער?

פ ע ש ק ע (סודעט איהם וואָס אויפ׳ן אויער. זי קוקט אויף דער אַלטער, רעדט הויך). איז אַ שטאַרקער פראָסט, זאָגסטו?

אַ ב ר ה מ׳ט ש י ק. אַ פראָסט און אַ ווינד.

פ ײַ ג ע. שטעלסטו וואָס צום פּײַער. דער טאַטע וועט קומען. זאָל ער נישט זײַן אין כּעס.

פ ע ש ק ע (זי זאָגט אַברהמ׳טשיקען וואָס. ער ציטערט אויף, זי בעפרײַט זיך פון איהם און בלײַבט שטעהן צושטרויט). אַ לעדיגע שטוב, אַ לעדיגע שטוב...

אַ ב ר ה מ׳ט ש י ק (ער געהט צו צו פעשקען, נעהמט איהר האַנד).

פ ײַ ג ע. אַברהמ׳טשיק איז שוין אַוועקגעגאַנגען?

אַ ב ר ה מ׳ט ש י ק. איך בין דאָ. (ער רעדט איהר וואָס אויפ׳ן אויער)

פ ע ש ק ע (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי אַ ציטערן אויף ניין. רעדט הויך אויף דער אַלטער׳ס זײַט). ווי ליכט האָבען זיי זיך געשמאָלצען ענטקעגען פּײַער, און פון טאָג צו טאָג אײַנגעגאַנגען... כ׳האָב ניט געוואָלט פאַר דער צײַט אין דער ערד אַרײַנגעהן, מײַן יונג-בלוט וויל נאָך לעבען, מײַן יונג האַרץ וויל נאָך אויפ-בליהען... בין איך אויפגעשטאַנען פון שלאָף און דערזעהען, אַז מײַנע קליידער זענען צופוילט געוואָרען, אויפ׳ן וואַנד העגנענדיג. (זי בעגראָבט איהר קאָפּ אויף זײַן ברוסט, און איהר קערפּער ציטערט פון געוויין).

פ ײַ ג ע. קינדער, דער טאַטע וועט קומען.

פ ע ש ק ע. אײדער דאָס אויג זאָל נאָך דער צײַט אָנהויבען צו זעהען אַליין, וואָס אַרום טהוט זיך, איז שוין גלײַכער....

פ ײַ ג ע (שלאָגט זי איבער). שילט זיך ניט, מײַן קינד! ביזט נאָך יונג. מיר וועט שוין קיינמאָל גוט ניט זײַן... כ׳האָב נאָר מורא, פּײַווע וועט קומען.

פ ע ש ק ע. זאָל ער קומען, זאָל ער קומען, זאָל ער מײַן לײַב מיט זײַנע פיס טרעטען.

אבֿרהמ׳טשיק. קײן מענש אין דער װעלט דאַרף זיך ניט לאָזען מיט די פיס טרעטען, אַפילו געגען אַנאײגענעם טאַטען װאָלט איך אױפגעשטאַנען.

פעשקע (דריקט איהם צו זיך און קושט איהם שטיל). נײן, נײן, נײן... ביזט ניט גערעכט, מײן מאַמע האָט מיך געלאָזען... גאַנץ רוהיג איבערגעלאָזען... זי האָט געדאַרפט שױן מיט די שאַרבענס אױף די אױגען פון קבֿר צוריק אַרױסשפּרינגען און מיך ניט פערלאָזען... זי האָט ניט געװאָלט מיט׳ן טאַטען זיך קריגען... איך װיל זיך מיט קײנעם ניט קריגען...

(װײנט. בלײבען בײדע געאַרעמט.)

אבֿרהמ׳טשיק (װישט די אױגען).

פײגע. װײנט נישט, װײנט נישט. מענשען, װאָס האָבען ליכטיגע אױגען טאָרען נישט װײנען... געזעהען מאַמעס, די באַקען געל געװאָרען פון צופיעל װײנען אין דער יוגענד. געבליבען פלעקען... שױן אױפ׳ן גאַנצען לעבען געבליבען...

פעשקע. בײ מיר, באָבע, װעלען קײן געלע פלעקען ניט בלײבען אױף די באַקען...

פײגע. אבֿרהמ׳טשיק! ביזט מפרנס דײן מאַמען. דײן מאַמע האָט דיך ליעב. אז מען האָט אַ מאַמען, װאָס זאָל ליעב האָבען, איז שױן גענוג... אַז מען שפּאַרט אָן דעם קאָפּ בײ אַ מאַמען אױפ׳ן האַרצען איז שױן גענוג. בײדען װערט גרינגער. אַפילו אין דער ערד ליגענדיג, לײדען די מאַמעס, האָבען קײן רוה נישט, ס׳טהוט זײ װעה...

פעשקע (זי קושט און האַלזט אבֿרהמ׳טשיק׳ען. שטעהען אַ צײט אומגעאַרעמט. שטיל. זי מאַכט איהם אַ צײכען, ער זאָל אַװעקגעהן. רעדט הױך). דער טאַטע װעט באַלד קומען! (זי טרעט אָב צום אײװען, קוקט צו אבֿרהמ׳טשיק׳ען מיט שמערצען אױפ׳ן געזיכט).

פײגע. װער װײנט עס אין דער שטיל?.... װער װײנט?..

אבֿרהמ׳טשיק (ער שטאַרקט זיך, װינקט װאָס צו פעשקע׳ן). אַ גוטע נאַכט! כ׳װעל נאָך הײנט אפשר נאָך אַמאָל קומען. (בלײבט נאָך אַ װײַלע בײם טיר).

פ ײַ ג ע. גײה געזונט, מײַן קינד!

פ ע ש ק ע. (שטעהט אַלץ געבען אײװען צו־טראָגען.)

אַ ב ר ה מ'ט ש י ק (ער געהט אַרויס לאַנגזאַם, ניט אַראָבנעהמענדיג די אויגען פון פּעשקע'ן).

(שטיל)

פ ײַ ג ע. הו־הו־הו — .... די יוגענד, די יוגענד, די שעהנע, ליכטיגע יוגענד! (אין אַ װײַלע אַרום) מײַן קינד, דו ביזט הונגעריג, מאַך פײַער אין אײװען.

פ ע ש ק ע. נײן, באָבע, איך בין ניט הונגעריג.

פ ײַ ג ע. אין דײַן קול ליגט עס, מײַן קינד; עס ציטערט.

פ ע ש ק ע. נײן, באָבע, כ'בין ניט הונגעריג.

פ ײַ ג ע. די יוגענד, הו־הו־הו—די שעהנע, ליכטיגע יוגענד...

(אַ דריקענדע שטילקײט)

פ ײַ װ ע (קומט אַרײַן. ער איז אויפגעדרעהט פון קעלט. לעגט אויפ'ן טיש אַ קלײנעם טײל פון אַ לאַבען שװאַרץ ברויט. דרעהט זיך אַרום אין שטוב).

פ ײַ ג ע. פײַװע?

פ ײַ װ ע (ער שװײַגט, ער זעצט זיך בײַם טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפ'ן האַנד).

פ ע ש ק ע (קוקט אויף אים אָן, שטעהענדיג בײַם אײ־װען).

פ ײַ ג ע (הויבט זיך אויף פון איהר אָרט). פײַװע, דו ביזט דאָך געקומען, האַ? פּעשע, דער טאַטע איז געקומען?

פ ע ש ק ע. יע.

פ ײַ ג ע. לעג אָן אַ פײַער, פּעשע. האָסט װאָס געבראַכט, פײַװע? ביזט אַודאי הונגעריג... זי זיצט אויך אומגעגעסען.

פ ײַ װ ע. ברויט ליגט אויפ'ן טיש.

פ ײַ ג ע. דער ברויט, דער ברויט... איז דען אַ פעולה, אַז דו ביזט... ברויט קען געװיס זײַן, אָבער...

פ ײַ װ ע. לאָז, מאַמע, אַ ביסעל רוהען.

פייגע. דער מאמע'ס בלינדע אויגען טהוען וועה. דער מאמעס אלט הארץ טהוט וועה. דאס יונגע בלוט גיסט זיך... ס'געהט איין.

פעשקע. פאר מיר דאגה ניט, באבע.

פייגע. האסט געבראכט ברויט, האסטו,—א פרעהליכען פנים צו איהם וואלסטו געבראכט. א פאר ווערטער גוט־הערציגע וואלסטו געבראכט... הו־הו־הו —... — ברויט אהן דעם—סם איז עס.

פייווע. סם מיר ניט מיין בלוט, מאמע!

פייגע. עס ליגט דער ברויט אויפ'ן טיש— פארוואס עסט מען איהם נישט? (זי געהט צו צו פייווע'ן און פיהרט איהרע הענד איבער זיינע אקסעל) דו שווייגסט, דו שווייגסט, פאר דעם האב איך שוין נאר מורא... וואס שווייגט איהר? א שטוב מיט מענשען, און עס איז שטיל... וואו מענשען זענען, דארט איז שווער די שטילקייט צו פערטראגען... (זי טרעט אב א פאר טריט) מאך א פרעהליכען פנים... זיי ניט מביש דעם ברויט... א טיש איז א מזבח און דער ברויט—זיין הייליגער קרבן... זיי איהם נישט מביש.

פייווע (קוקט אן די אלטע מיט אויפגערעגטע אויגען).

פייגע. שווייגסטו גאר; ווייס איך שוין גאר ניט, וואס צו רעדען צו דיר. ווייס איך שוין גאר ניט, וואס ביי דיר אויפ'ן הארצען איז. שרייסטו, ווייס איך... שלאגסטו, פיהל איך... אבער דיין שווייגען... נאר אויף דיין קינד'ס קאפ זאלסטו דיין ים יסורים נישט אויסגיסען... ס'איז איהר געגוג. פעשקע! וואו ביזטו? (זי געהט צו צו פייווע'ן און גלעט איהם) אויף מיר גיס דיין צארן אויס, דיין ביטער הארץ, אויף מיר...

פייווע (בעהאלט זיין קאפ אויפ'ן ארעם).

פייגע. איצטער איז מעהר, ווי שטענדיג, פערביטערט דיין הארץ—שאן דיין קינד... זאל זי געהן איהר וועג... פייווע, רעד זיך אויס פאר מיר... כ'בין דאך דיינע א מאמע, געדענקסט, דו ביזט א קינד גע־ ווען, כ'האב דיך אויף מיין שויס געכאוועט, כ'האב דיך אין מיינע טרערען געבאדען. האסט געוויינט און גע־

לאַכט, אַלץ בײַ מיר אויפ'ן שׂוים. רעד איצטער אויך פאַר מיר—כ'וועל נאָך הערען, כ'וועל נאָך הערען... און אויב איך וועל קענען, וועלען נאָך מײַנע בלינדע אויגען ווײַנען...

פײַווע (ער שטעלט זיך פּלוצלונג, שרײַט אויס, מיט גרויס שמערצען אויפ'ן געזיכט): מאַמ=מע! מאַמ=מע! (ער בלײַבט שטעהן, דער קאָפּ אַראָבגעהאַנגען).

פײַגע (איהר קול ציטערט מוטערליך). אַזוי איז דײַן קול געווען, ווען מײַנע אויגען האָבען דיך נאָך געזעהען, ווען כ'האָב דיך נאָך מיט מײַנע הענד געוויגט... רעד נאָך, רעד נאָך... דערמאָלט האָסטו נאָך מעהר, ווי „מאַמע" נישט געקענט... נישט געוואוסט... רעד נאָך, רעד נאָך...

פײַווע (שטאַרקט זיך, ער ציהט טיעף דעם אָטעם) נ=ניין, כ'קען ניט... (ער געהט אַרויס פון שטוב).

פײַגע. וואוהין טראָגסטו דײַן ביטער האַרץ, מײַן קינד! (זי בלײַבט שטעהן אין מיטען שטוב).

פעשקע (געהט אַרויס אויף דער גאַס און קומט שנעל אַרײַן צוריק).

פײַגע. ווער איז עס?

פעשקע. דאָס בין איך.

(שטיל)

פעשקע (געפינט אַ שטריק, און ווערענד די אַלטע רעדט, ציהט זי איהם דורך איבער'ן רעהר פון אייווען, נעבען טיר פון צווייטען צימער. זי אָרדענט איין אַ שלייף. די הענד איהרע ציטערן).

פײַגע. דער ברויט ליגט אויפ'ן טיש פאַריתום'ט. אויף איהם האָט זיך אויסגעגאָסען דער ים יסורים... מיט גאַל איז ער בעשפּריצט... ווער קען איהם צום מויל נעהמען? ווער זאָל אַ מויל עפענען?.. כ'שפּיר, ווי דער באַלקען בויגט זיך נידריגער אַראָב איבער מײַן קאָפּ... וואָס טהוסטו, פעשקע?

פעשקע. מיר חלום'ט, באָבע.

פײַגע. וואָס, מײַן קינד?

פּעשקע. אַז דאָס לעבען וועט גרינגער און לײַכטיגער (זי וואַרפט זיך דער אַלטער אויפ'ן האַלז).

פּײַגע. דו ציטערסט, מײַן קינד.

פּעשקע. (זי קושט די אַלטע מיר הלומ'ט זיך, באָבע.

פּײַגע (קושט פּעשקע'ן). וואָס, מײַן קינד?

פּעשקע. אַז ניט אײביג וועט זיך די יוגענד אַזוי פּלאָגען... (זיי בלײַבען ביידע שטעהן אומגע־אַרעמט).

(שטיל)

פּײַגע. פאַרוואָס קלאַפּט אַזוי שטאַרק דײַן האַרץ, מײַן קינד?.. שטאַרק אָבער אונרוהיג...

פּעשקע. פאַר שמחה, באָבע...

(שטיל)

פּעשקע (באַפרײַט זיך פון דער אַלטער. זי געהט צו שטיל צום טיש און הויבט אָן לאַנגזאַם אַראָבלאָזען דעם פײַער פון לאָמפּ, באַמיהענדיג זיך, די אַלטע זאָל ניט מערקען).

פּײַגע (שטעהענדיג אין מיטען שטוב רעדט, ווי צו זיך אַליין). דאָס ליכט לעשט זיך... דאָס ליכט לעשט זיך... דאָס ליכט לעשט זיך...

(לאַנגזאַם פאַלט דער פאָרהאַנג)

אָב, תרס"ז סיהאָוואָל.

פּרץ הירשביין.

איינזאמע וועלטען.

א דראמא אין איין בילד.

Перецъ Гиршбейнъ. Одинокіе міры.
Драма въ одной картинѣ.
1906.

Печатано въ Тип. „Вдова и бр. Роммъ“ Вильна, Уголъ
Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № 1/2.

Набрано въ Тип. Баскинда Вильна, Завальная ул. д. Троцкаго.

אײנזאַמע װעלטען.

אַ קעלער=װאױנונג ענליך צו אַ הײל, דער סופֿיט שװאַרץ און געװעלבט, לאָזט זיך האַלבראָנד אַראָב ביז צו די פֿענסטער, די װענד שמוציג. קײן מעבעל איז ניטאָ, נאָר אין אײניגע ערטער ליגען אויף שטיקער האָלץ ברעטער און אויף זײ בערג שמאַ=טעס, װעלכע דינען פֿאַר אַ געלעגער. אין אַ װאַנד צװײ קלײנע פֿענסטערלעך. אַ הרובע אין אַ װינקעל. װינטער. אַרום האַלבען טאָג.

שלמה (ליגט אויף אַ געלעגער צוגעדעקט מיט שמאַטעס.)

שרה (זיצט אויף דער הרובע, די פֿיס אונטער זיך. דרעמעלט.)

עזריאל (שטעהט בײם װאַנד און קוקט אין אײן פּינטעל אַרײן.)

טעלצע (ליגט אויף אַ געלעגער.)

היים (זיצט אויף דער ערד און צײכענט װאָס אויף אַ פּאַפּיער.)

עזריאל (ערװאַכענד). האַ — האַ, דערגאַנגען דעם סוד! דער־גאַנגען — אַדרבא, זאָל מיר װער װײזען פֿערקעהרט. (פֿיהרט מיט די פֿינגער איבער׳ן װאַנד). דאָ האָט איהר אײן שורה רעכטס און דאָ פֿערנעהמט זי זיך לינקס. און װײטער רעכטס און װידער לינקס — געװיס; דאָרטען איז דער סמבטיון! (װענדט זיך צו היים׳ען). קום היים׳ל, זאָג: װיפֿיעל פּינטלעך און װיפֿיעל פּאַסקעס זעהסטו דאָ אויפ׳ן װאַנד? (פֿערקוקט זיך אויף אײן פּינטעל. פּויזע).

שלמה (קוקט צום סופֿיט. רעדט צו זיך). ער בעװעבט מיר מײן קאָפּ! מײן קאָפּ... היים׳ל! נעהם אַ שטעקען און טרײב אַראָב דעם שפּין... איבער׳ן קאָפּ דעם שפּינװעבס... איבער׳ן קאָפּ היים׳ל!

היים (שפּרינגט אויף מיט שמחה. קוקט אויפ׳ן פּאַפּיער). אָ, ס׳אַראַ גרויסע מויער! (טראַכט אַ װײלע). צעהן יאָהר אין גאַנ־צען... כ׳האָב נאָך ניט קײן שיך. נאָך אין צעהן יאָהר אַרום, כ׳װעל זײן אַ גרויסער, װעל איך האָבען אַזאַ מויער. איצטער דאַרף מען צו־טײלען די קאַמערן... (נעהמט זיך װידער פֿאַר׳ן צײכענען. פּויזע).

שלמה. אַ שטורם, אַז גאָט שיקט אָן — אַ שטורם אין וואַלד — בוימער מיט די וואָרצלען פאַלען. דעמבעס קענען דעם שטורם ניט בייקומען; די ערד אַליין קען דעם שטורם ניט בייקומען... דעמבעס מיט דער ערד אין איינעם קעהרען זיך אום... און איך... אָהן הענד... איין פוס — נאָר איין פוס איז מיר פערבליבען און ס'איז גאָר קיין סוף ניטאָ, חיים! טרייב אַראָב דעם שפּין! איך זעה שוין באַלד די שיין ניט. חיים!

עזריאל (שפּאַצירט זיך דורך הין און צוריק. קוקט יעדער'ן אָן מיט השד. קוקט אַ לאַנגע צייט צו חיים'ס אַרבייט. חיים מערקט איהם ניט).

שרה (עפענט די אויגען. טרייסעלט זיך אויף. געגעצט זיך אויס. רעדט צו זיך אַליין). זודיגע וואַסער, האַ — זודיגע וואַסער, אַ שטיקעלע שמאַליץ מיט עטליכע סקאָרענקעס. אַ קוויקעניש... נישטאָ קיין ציינער אין מויל. וואָס קען מען מאַכען אָהן ציינער, וואָס? (טראַכט אַ ווייַלע.) אַז כ'האָב געבאָרען בתיה'ן, איז מיר אַרויסגעפאַלען דער ערשטער צאָהן פון מויל; אַז כ'האָב געבאָרען הוה'ן, איז אַרויסגעפאַלען דער אַנדערער; און אַז כ'האָב געבאָרען נחמנ'ען, האָב איך אָנגעוואָרען דריי צייהנער מיט אַ מאָל... דערנאָך זענען זיי שוין געפאַלען... געפאַלען ביז איינעם. דאָס מויל אין גאַנצען לעדיג געבליבען... (טאַפּט מיט די פינגער אין מויל.) לעדיג... לעדיג... לעדיג... אַלץ געהט פערביי... געהט פערביי. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ ביז זי דרעמעלט איין).

עזריאל (שטעלט זיך ביי אַ וואַנד און פיהרט איבער איהר מיט'ן פינגער). איהר מיינט, אַז די פינטעלעך מיט די פּאַסקעס און די פלעקען אויף די ווענד און דער סטעליע איז סתם אַזוי — אַ טעות! אַ גרויסער טעות. אַלצדינג האָט זיין בעדייט, אַלץ האָט אַ ציעל. אדרבא זאָל מיר ווער אויפווייזען פערקעהרט... אין די אויגען איז מיר פינסטער, איך זעה נישט, וואָס דאָרט העכער טהוט זיך איבער מיר (קוקט צום סופיט). דאָרט איז גאָר אַנ'אַנדער וועלט. אַ סך וועלטען איז פאַראַן און אַלץ איינע אַנדערש ווי די אַנדערע... קיין זאַך איז ניט געראָטען אין די אַנדערע. אָט זעהט... די פינטלעך און די פּאַסקעס... אָט האָט איהר גרויסע און קליינע, גלייכע און קרומע... די קאָליאָרען אויך אַנדערע. (ווענדט זיך צו די הויזלייט). וואָס זאָגט איהר אויף די לאַנגע שורה, וואָס ציהט זיך לינקס?.. (פערטראַכט זיך. פויזע).

טעלצע (קריכט אַראָב פון געלעגער און שפּאַצירט אום אַפּאַטיש). נחמן געוועזען אַ נאַר... בתיה געוועזען אַ נאַר... אַ מענש

אליין... עלענד. וואס קען מאכען א מענש אליין? נישטא קיין חשק ארויפצוגעהן פון געלעגער (ווענדט זיך צו דער אלטער) באבע! זאג, ווי האט די מאמע אויסגעזעהען פאר'ן טוידט? אלע זענען אויסגעשטארבען; פאר וואס האבען זיי מיר געלאזען, זאג? (געהט צוריק אויפ'ן געלעגער) כ'וועל רעדען, אין גאנצען פערגעסען... פערגעסען מיין נאמען... עסען, עסען... וואו איז הייקל? פאר וואס איז ער נאך ניטא?

היים (מיט שמחה). צעהן קאמערען אויף יעדען עטאזש! און אין גאנצען וועלען זיין (רעכענט), און אין גאנצען וועלען זיין... (ווענדט זיך צו עזריאל'ן) 10 מאל 10 פיעל איז, טאטע?

עזריאל (קוקט איהם אן פערוואונדערט). אדרבא, זאל מיר ווער אויפווייזען פערקעהרט...

היים (צו טעלצען). מומע, זאג וויפיעל איז 10 מאל 10, הא? (בעקומט קיין ענטפער. רעכענט אויף די פינגער).

טעלצע. פאר וואס שפיעלט מען ניט היינט דארט אויבען? (טראכט א ווייל) פאר וואס זיצען זיי דארט אויבען און איך אונטען? פאר וואס? ווער האט מיך אהער אריינגעזעצט? פאר וואס קען איך ניט ארויסגעהן פון דאנען?... איך בין אין גאנצען פיערציג יאהר... דרייסיג... פיערציג יאהר אלט (טאפט איהר געזיכט) קנייטשען, קנייטשען... קנייטשען... (געפינט אונטער'ן צוקאפענס א שטיקעל שפיעגעל-גלאז, קוקט זיך איין אין דעם) יעדען טאג א קנייטשעלע; יעדען טאג קומט צו א קנייטשעלע... דער שטערן דורך אין קנייטשען... די באקען... (שפרינגט ענערגיש אראב פון געלעגער. ווענדט זיך צו דער אלטער.) דרייסיג יאהר אלט... באבע, זאג: פאר וואס בין איך דא פערשפארט? (טראכט א ווילע) וואלט מען שוין אנהויבען שפיעלען דארט אויבען... הא! כ'וואלט וועלען הערען דעם פרעהליכען, דינעם ניגון... ווי רופט מען איהם? ווען איך וואלט זעהן ווער פון אויבען וואלט איך פרעגען ווי דער ניגון רופט זיך... אז איך וועל האבען התונה... (בלייבט שטיל) וועט מען יעמאלט שפיעלען? (זעצט זיך ווידער אויפ'ן געלעגער. שטארק פערטראכט, דער קאפ אראבגעהאנגען).

היים (שפרינגט אויף מיט שמחה). צעהן מאל צעהן איז הונדערט, גאנצע הונדערט! הונדערט קאמערן וועלען זיין אין מיין שטוב... איצטער דעם קעלער מיט א שטאל (נעהמט זיך ווידער פאר'ן צייכענען. פויזע).

שלמה (ברעכט אויס מיט א ביטערען געלעכטער). הא-הא-הא. דאקטוירים! דאקטוירים אהן קעפ, אהן מחות. וואו איז זייער

שׂכל, זייער פֿערשטאַנד? ביידע הענד מיט איין מאָל האָבען זיי מיר אָבגעשניטען — כ'וואָלט זיי אַלץ מוחל געווען (שרייט). דעם קאָפּ, דאָס האַרץ פֿאַר וואָס האָבען זיי נישט אָבגעשניטען?! וואָס קען אַ מענש מאַכען נאָר מיט איין פֿוס? טאַטע, פֿאָטער אין הימעל! נעהם דאָס האַרץ מיינס, נעהם! (שטעקט אַרויס פֿון אונטער'ן צודעק זיין געזונדען פֿוס און בעטראַכט איהם). דאָס איז מיר געבליבען... אין וועלכער ערד פֿוילט דיין פּאָר? אַוואו ערגעץ פֿוילען מיינע הענד?... וואָלטען זיי מיר איין האַנד געלאָזען — כאָטש נאָר די לינקע האַנד... דאָס מויל האָבען זיי מיר געלאָזען... עסען און שילטען. איך בין הונגעריג — שילטען וועל איך... (טראַכט אַ ווײַלע). וועמען זאָל איך שילטען... טרייבט ווער דעם שפּין אַראָב! דער שפּין איבער'ן קאָפּ! (פּויזע).

טעלצע (געהט ווידער אַראָב פֿון געלעגער און שפּאַצירט אום). עפּיס אַ פֿוילקייט האָט זיך מיר אין אַלע מיינע ביינער איינגעגעסען (בעקוקט איהרע הענד). בליי איז דאָרט אָנשטאָט די ביינער... פֿויל... פֿויל... פֿויל.

עזריאל (בעווייזט אויפ'ן וואַנד). אדרבא, זאָל מיר ווער בעווייזען פֿערקעהרט! פּאַסקעס און פּינטלעך. פּאַסקעס דאָס בעווייזט אויף די טייכען, און פּינטלעך — מיינט מען די אינזלען — די מדינות. אָט האָט איהר די גאַנצע לאַנדקאַרטע! איצט לאָז איך זיך צום סמבטיון און דערנאָך צום באַרג אַראַראַט און גלייך קיין פּרס...

טעלצע (קוקט אָן עזריאל'ן, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

שלמה (נאָך אַ קורצע פּויזע). וואָלט זיך דער מויער איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל איינגעבראָכען און אַלעמען צוריבען, צומאָלען! וואָלט אַ דונער פֿון הימעל אַראָבגעפֿאַלען און צוזעצען די ווענד מיט אונז אינאיינעם! (טראַכט אַ ווײַלע) פֿיער חדשים צו זומער נאָך געבליבען. איך וועל דאָ ליגען... זאָגט, וועלכער חדש איז היינט?.. פֿאַר וואָס שווייגט איהר, אַז איך רוף? (רעגט זיך) ס'פּלאַצט מיר די גאַל — פֿאַר וואָס הערט איהר נישט?! הייקל! פֿאַר וואָס איז נאָך הייקל נישטאָ?! דעם שפּין טרייבט אַוועק איבער'ן קאָפּ.

טעלצע (געהט צוריק אויף איהר געלעגער). פֿויל... פֿויל... פֿויל...

שׂרה (ערוואַכט זיך. רייבט די אויגען, קוקט זיך אַרום). נחמן פֿלעגט מיך שטענדיג טרייסטען... שטענדיג טרייסטען (געעצט) ניט דאגה, מאַמע. אַז כ'וועל אם ירצה השם אויסוואַקסען... אַ טייער קינד געווען בתיה... אַ ליעב קינד. געבאָרען געוואָרען אַ ליעב קינד... נחמן איז קליינער געווען... אַ קלוגער געווען, געזאָלט אַ רב

זײַן... אַלע האָבען עס געזאָגט... (טרײַסעלט זיך אויף) קאַ-קאַלט!.. ס'איז שוין נאַכט? מײַנע אויגען זענען מיר פֿינסטער?.. הייקל? אַה הייקל? נישטאָ? (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) אַלץ געהט פֿערבײַ... אַלץ פֿערבײַ, אַלץ פֿערבײַ... זיי פֿוילען אין דער ערד... אַלע אין דער ערד... אַלץ פֿערבײַ, אַלץ פֿערבײַ... (דרעמעלט איין).

חיים. ווען כ'וואָלט קענען אַרויף אויף דעם אויבערשטען עטאַזש, זעהן, ווי דאָרט איז אַלע קאַמערן,— די טישען, די בענק... דאָרט וואו מען שפּיעלט, איז מסתמא אַ גרויסע קאַמער... דאָרטען זיצט דאָס קליינע מיידעל, זי שפּיעלט (טראַכט אַ ווײַלע). איהר מאַמע זיצט נעבען איהר און גלעט איהר קאָפּ... (ווענדט זיך פּלוצלונג צו עזריאל'ן) הער, טאַטע!

עזריאל (מערקט איהם ניט).

חיים (שלעפּט איהם פֿאַר'ן אַרבעל). הער, טאַטע! זאָג מיר — קוק מיר נאָר גלײַך אין פּנים אַרײַן. ביזט דאָך מײַן טאַטע, פֿאַר וואָס ווילסטו מיר אין פּנים נישט קוקען?

עזריאל (וואַרפֿט צו איהם אַ טעמפּען בליק).

חיים. אַלע טאָג פֿרעג איך דיר, זאָלסט מיר זאָגען וואו די מאַמע איז. אַלע טאָג — זאָג מיר — וואו איז זי, וועל איך געהן צו איהר. איך בעדאַרף דיך נישט. איך וועל איהר געהן זוכען. איך וועל געהן פֿון שטאָדט צו שטאָדט... אין אַלע הײַזער... זאָג, טאַטע, ווי רופֿט מען די מאַמען? ווי האָט זי אויסגעזעהן זאָג, טאַטע!

טעלצע (לאַכט). איך וועל נאָך, איך וועל נאָך... דרײַסיג יאָהר... פֿיערציג יאָהר... (דריקט איהר ברוסט מיט ביידע הענד) כ'וואָלט דאָ האָבען אַ קליינצינקעס קינד, אַ וואַרעמענקעס, אַ רויטענקעס... כ'וואָלט עס גלעטען (פֿערלעגט די הענד ווי צום שטילען אַ קינד). אָט דאָ וואָלט איך עס האַלטען... דריקען... דריקען...

חיים (קוקט זי אָן פֿון ווײַטען).

טעלצע. בײַנאַכט אויפ'ן געלעגער... אַריבערדעקען זיך מיט איהם אונטער די שמאַטעס... דריקען עס צום האַרצען, און ער מיט די קליינצינקע הענדטעלעך גראַבעלט... זוכט... גראַבעלט... דאָס לײַב... די ברוסט. זוכט. גראַבעלט. אַרום איז פֿינסטער, פֿינסטער... פֿינסטער... איך זעה גאָרנישט, נאָר איך פֿיהל ווי ער גראַבעלט... גראַבעלט...

שלמה. חיים'ל, שעהנער קינד! קום צו מיר. טײַער קינד, קום צו מיר.

חיים (קריכט אַרויף צו דער אַלטער אויף דער הרובע. זי בעמערקט ניט).

שלמה. מיט די ציינער וועל איך זיך דאָס לייב בייסען... דעמבעם רייסט דער שטורמווינד אויס און צושמעטערט אין וואַלד — דעמבעם מיט דער ערד אינאיינעם קעהרט ער אויס; שטעדט ברעכט דער דונער איין (שרייט) מיין פֿוס! שניידט מיר אָב מיין פֿוס! שניידט מיר אָב דעם קאָפּ! שניידט מיך אויף שטיקער! פֿאַר וואָס שווייגט איהר? רוצחים! מערדער! אַ דונער פֿון גאָט זאָל אייך אַלע מיט אַמאָל איינברעכען! אָדער מאַכט מיר דעם טוידט, אָדער הערט מיין בעטען — (נאָך אַ קורצען שווייגען) אפשר זענט איהר טויב? אַלע זענט איהר טויב... שרה!.. טעלצע!.. עזריאל!.. נאָר ער איז דאָך משוגע... חיים! וואָלט שוין דער זומער קומען, וואָלט איך גאָט בעטען, ער זאָל אויף זיי אַ דונער פֿון הימעל אַראָבשיקען, פֿער׳שרפֿ׳נען זיי מיט׳ן מויער... איהר הערט!! (פּויזע).

שרה (ערוואַכט זיך ניט בעמערקענדיג נעבען זיך חיים׳ן). אַז מען האָט נחמן׳ען אין קבֿר געלעגט, האָט זיין צורה געלויכטען ווי לעבעדיג... אַנ׳אַנדער קרענק פֿרעסט אין גאַנצען אויף... אַז כ׳האָב געזעהן, ווי מען דעקט צו זיין ליכטיגע צורה מיט שאַרבענס, איז מיר אין די אויגען פֿינסטער געוואָרען... כ׳האָב נישט געוויינט און די אויגען זענען מיר פֿינסטער געוואָרען... פֿינסטער געוואָרען... אפשר צוליעב דעם זענען זיי פֿינסטער געוואָרען... (טראַכט אַ ווײַלע) ס׳מוז נאָך הענגען דאָס וויגעלע אויפ׳ן בוידעם... צוויי ווי־קעלשנורען זענען דאָרט געלעגען — איינער אַ רויטער און איינער אַ ווייסער... נאָך איהם געוויקעלט... דאָס וויגעלע איז אויס־געפּוילט... אַ גרויסע לאָך אין דעק... (טראַכט אַ ווײַלע) נחמן — ביז דער לעצטער מינוט האָט ער נאָך גערעדט. ער האָט געוואוסט, אַז ער שטאַרבט... און זיין דבור קלאָר... ביז דער לעצטער מי־נוט... אַליך געדט פֿערביי... אַליך פֿערביי... אַליך פֿערביי. (שאָ־קעלט מיט׳ן קאָפּ ביז זי שלאָפֿט איין. פּויזע).

עזריאל. דאָס איז געוויס; פֿון איין שטערען צום אַנדערען איז ניטאָ קיין וועג; פֿון דער זון צו דער לבֿנה איז אויך ניטאָ קיין וועג; פֿון דער ערד צום הימעל איז אויך ניטאָ קיין וועג. דאָס בעווייזט, אַז אַלע זענען אַליין אויף זייער וועלטעל. אין דעם איז קיין שום ספֿק ניטאָ. אַדרבא, זאָל מיר ווער ווייזען פֿערקעהרט. (קוקט צו דער סטעליע.) דאָרטען איז נאָך גאָר אַ פֿרעמדע וועלט. גאָר פֿרעמד. דאָרט מוזען הויות אויך זיין. אַדרבא, זאָל מיר ווער בעווייזען פֿערקעהרט.

טעלצע (קוקט אין שטיקעל שפּיגעל־גלאָז). דאָס קען נאָך אויסגעפֿיהרט ווערען; אין גיכען געמאָלט זיין (געדט אַראָב פֿון גע־

לעגער) ראשית דאַרף איך אַנטלויפֿען פֿון קעלער — אַנטלויפֿען, אַפֿילו ניט קומען מעהר צוריק.. אָבער ווי קלײַבּט מען זיך אַרויס פֿון דאַנען? אַלע פֿרעמד; קיינעם קען איך ניט. איך האָב שוין פֿערגעסען ווי צו רעדען מיט אַ מענשען... אַז כ'וועל וועמען בּעגעגנען אין גאַס, וואָס וועל איך איהם זאָגען?.. וואָס וועט ער מיר זאָגען?.. קיינעם, קיינעם קען איך ניט. (שטעהט אַ ווײַלע פֿערטראַכט) ניין, אַוועק פֿון דאַנען קען איך ניט... איך האָב שוין רעדען פֿערגעסען. (ווענדט זיך צו היים'ען) היים'ל! טײַערער, היים'ל! וואָס דאַרפֿסטו דײַן משוגע'נעם טאַטען? קום בּעסער צו מיר, קום, מיר וועלען בּיידע רעדען... וועסט נישט געפֿינען דײַן מאַמען. אַפֿילו ווען דו וועסט זי געהן זוכען... הינט האָבּען זי אויפֿגעגעסען. — ס'אַגרויסער פֿראָסט אויף דער גאַס, זי איז פֿערפֿראָרען געוואָרען... איך בּין שוין אַלט דרײַסיג... פֿיערציג יאָהר... דו קענסט מיך רופֿען „מאַמע“ און איך דיר „טײַער קינד“, „ליעב קינד“, און אַז הײַקעל וועט קומען, מיט דער קערבּעל, וועל איך פֿאַר דיר אויסקלײַבּען די ווײַסע הלה מיט ראָזשענקעס. (וואַרט אויף אַ תשובה.)

ה י י ם (בּעהאַלט זײַן קאָפּ צווישען די קניה).

ט ע ל צ ע. דײַן מאַמען האָבּען וועלף אויפֿגעגעסען; דו האָסט גאָר קיין מאָל קיין מאַמען ניט געהאַט. דײַן משוגע'נער טאַטע ווייס אויך ניט וואו זי איז... (פֿון דעם איבּערשטען עטאַזש הערען זיך איינציגע קלאַנגען פֿון עפּעס אַ מעלאָדיע אויפֿ'ן פּיאַנאָ).

ה י י ם (שפּרינגט אַראָב פֿון הרובּע). די מוזיקע האָט זיך שוין אָנגעהויבּען! (הערט צו).

ט ע ל צ ע (פֿרעהליך). דער דינער פֿרעהליכער ניגון! (הערט זיך צו.) דאָס שפּיעלט דאָס שעהנע בּלייכע מיידעל, וואָס געהט פֿערבּײַ יעדעס מאָל פֿאַר'ן קעלער... אפֿשר שפּיעלט דאָרט גאָר אַ קליינע מיידעלע?.. גאָר אַ קליינינקע צעהן יאָהר אַלט... איך שפּיר, אַז גאָר קליינע דינע פֿינגערלעך שפּיעלען דאָרט. — מען בּעדאַרף זיך אויפֿהויבּען נעהענטער צו דער סטעליע (שטעלט זיך אויף דעם געלעגער, דער קאָפּ גענייגט צו דער סטעליע). דאָס איז דער פֿרעהליכער דינער ניגון. (מאַכט נאָך) ט ר י ל—ט ר י ל—ט ר י ל... ט ר י ל—ט ר י ל—ט ר י ל...

ש ל מ ה (רעגט זיך). מוזיקע, מוזיקע! אויף דעם האָבּען זיי אויערן — רוצחים! וואַלד־גזלנים! אַ מענש געהט אויס פֿאַר זײַערע אויגען... אַ מענש געהט אויס... (פּויזע).

היים. אַז איך מאַך צו די אויגען, זעה איך די קאַמער, אין וועלכער מען שפּיעלט. אַ שעהנער... אַ גרויסער, אַ הויכער

הדר... דאָרטען שטעהען גרויסע טישען, רויטע און גרויסע, רויטע שטוהלען. (טראַכט אַ ווײַלע) נאָר דאָס שפּיעלגעצײַג זעה איך נישט. אַ מענש שפּיעלט; ניט אַ קלײַן מײדעלע שפּיעלט. (הערט זיך צו.)

טעלצע. דאָס שפּיעלט אַ קלײַן, קלײַך מײדעלע... מיט דינע, דינע פינגערלעך... אין די פינגערלעך איז ניטאָ קײַן בײנדעלעך... (הערט זיך צו. די קלאַנגען גיסען זיך).

עזריאל. אָט האָט איהר די גאַנצע לאַנדקאַרטע, אַלע ימים, אַלע טײַכען... (הויבט אויף זײַן קאָפּ צום סופיט מיט אַנ'אָפענעם מויל.) האַ, מוזיקע! דאָס איז שוין איבער מיר, דאָרט העכער אויף די פערבאָרגענע וועלטען... דאָרט געהט שוין אַרויס פון מײַן רשות... אויף מײַן קאַרטע זענען נאָך יענע וועלטען ניטאָ — אַדרבאָ, זאָל מיר ווער בעווײַזען פערקעהרט... (בלײַבט שטעהן מיט אַנ'אָפענעם מויל — הערט זיך צו.)

שלמה (בלאָזט צום סופיט צו). אַראָב פון דאָרט — אַראָב! (בלאָזט) קײַן אַנדער עצה איז מיר ניט געבליבען, איך וועל זיך לעגען אויפ'ן בויך — מיט'ן פנים אַראָב, איך זאָל גאָר ניט קוקען צו דער סטעליע... אַניט וועט מיר די גאַל מײַנע פלאַצען... באַלד וועט ער מיר שוין פערשפּינען דעם קאָפּ, די האָר. (רעגט זיך. וויל זיך איבערקעהרען נאָר דער צודעק רוקט זיך פון איהם אַראָב.) זאָל שוין אַ דונער אויסברעכען! איבערקעהרען דעם מויער מיט'ן פונדאַמענט — דעם מויער מיט די ווענד, אַז עס זאָל אַ שטײן אויף אַ שטײן ניט בלײַבען... אַ ציגעל אויף אַ ציגעל זאָל ניט בלײַבען. (פויזע.)

הײַקעל (קומט אַרײַן. באָרוועס. טראָגט אַ קערבעל מיט פערשיעדענע שטיקלעך ברויט. שטעלט דאָס קערבעל אויף דער ערד. שפּרינגט אַרויף אויף אַ געלעגער, בעהאַלט זײַנע פיס אונטער די פּאָלעס. עזריאל, טעלצע, חיים מערקען איהם ניט). האַ—האַ—האַ —ווי קאַלט! אָנוואַרעמען די פיס—פערגעסען זיי אַרומצובינדען מיט שמאַטעס. אַ פולע קאָרב מיט אַל־דאָס־גוטס האָב איך געבראַכט. (וואַרפט אַ בליק צו די הויזלײַט.) איך הער מוזיקע אַלע טאָג, אַלע טאָג הער איך מוזיקע, אַ סך מוזיקע.

שלמה. האַ, הײַקעל! ביזט געקומען... קום צו מיר, מײַן אויסלעזער. כ'האָב געמײנט, אַז איך געה שוין אויס ביז דו וועסט קומען... נישטאָ קײנער אויסער דיר, ווער עס זאָל מיך הערען... ווער זאָל פערשטעהן מײַנע יסורים. — קום צו מיר, הײַקעל!

הײַקעל. באַלד, באַלד. איך וועל נאָר אָנוואַרעמען די פיס.

שלמה. איך האָב נאָר אײן פוס, איז ער מיר אויך אי־

בעריג. כ'האָב זיך אויפ'ן טוידט געבעטען... כ'האָב זיך אויפ'ן דונער געבעטען. קום צו מיר, הײַקעל.

הײַקעל. נאָך אַ ביסעל... נאָך אַ ביסעל, נאָר אָנוואַרעמען די פיס. ס'איז היינט אַ גרויסער פראָסט אויפ'ן גאַס... ביז די קניה שנײַ ליגט אין גאַס... קאַלט אין די פיס, כ'וועל זיך נאָר אָנוואַרעמען.

עזריאל (וואַרפט אַ בליק צום קערבעל).

הײַקעל. כלי־זמר הער איך אַלע מאָל אין גאַס און אויף התונות. אויף החתונות שפּילען כלי־זמר און דער עולם טאַנצט. (דאָס שפּילען דויערט נאָך.)

טעלצע (קוקט צו הײַקלען מיט טיעפען שמערצען אויפ'ן געזיכט.)

שלמה. הײַקעל! הײַקעל!

הײַקעל (שפּרינגט אַרויף צו שלמה'ן אויפ'ן געלעגער). אָט בין איך געבען דיר — ווילסט חלה מיט ראָזינקעס?

שלמה (בעווײַזט צום סופיט). דו זעהסט דאָרט דעם שפּין? ער בעוועבט מיר דעם קאָפּ. נעהם אַ שטעקען און פערטרײַב איהם; צורײַס אַליץ.

הײַקעל. אַ שעהנער שפּינוועבס, אַך ווי שעהן!

שלמה (בייז). צורײַס! צורײַס!

הײַקעל. אָהן אַ שטעקען קען איך ניט. (שטעלט זיך אויפ'ן געלעגער און צורײַסט מיט'ן האַנד דעם שפּינוועבס.) אַ שאָד, אַ שאָד אַזוי שעהן!

שלמה. און דעם שפּין האָסטו געכאַפּט?

הײַקעל. ער איז אַנטלאָפען געוואָרען.

שלמה. כאַפּ איהם, כאַפּ איהם און הרג'ע! דו וועסט אַוועקגעהן און ער וועט זיך ווידער פאַר די אַרבײַט נעהמען.—כאַפּ איהם!

הײַקעל. ער איז שוין אין ווינקעל אַנטלאָפען.

שלמה. יאָג איהם נאָך מיט אַ שטעקען און הרג'ע איהם. יאָג איהם נאָך!

שרה (ערוואַכט זיך). הוה האָט ניט געוועלט געהן נדבות בעטען... איך האָב זי נישט געשיקט... נחמן פלעגט שטענדיג זאָגען, אַז איך וועל ווערען אַ מענש...

הײַקעל. באָבע זעה; איך האָב געבראַכט פון כל טוב פרישע חלה, ווײַכע, (קריכט אַראָב פון געלעגער, די קלאַנגען פון אויבען ווערען שטיל).

טעלצע (פערזאָרגט). שוין נאָך דער מוזיקע! גאָר קנאַפּ

האָט זי היינט געשפּילט. ס'האָט ווער אָנגעשריען אויף איהר. מען האָט אויף איהר אָנגעשריען, האָט זי אויפֿגעהערט. אַה הייקעל! ביזט געקומען. ברויט מיט ראָזינקעס האָסטו געבראַכט? (זוכט אין קערבעל).

חיים (געהט צום קערבעל). אַ שאָד אַזוי קנאַפּ געשפּילט היינט. מיט די ראָזינקעס איז מיינע. (זוכט אין קערבעל.)

שלמה. פֿאַר וואָס אַז איך האָב אייך גערופֿען, האָט מיר קיינער ניט געהערט?!

שרה. איך הער, אַז הייקעל איז פֿאַראַן אין שטוב. גיט מיר ווער אַ שטיקעל ווייכע פֿרישע ברויט.

טעלצע (קלייבט אויס פֿאַר זיך עטליכע שטיקלעך ברויט, זיצט ביי זיך אויפֿ'ן געלעגער און קייט).

חיים (בלייבט זיצען ביים קערבעל).

שרה. הייקעל! איך הער אַז דו ביזט דאָ אין שטוב — פֿאַר וואָס ענטפֿערסטו ניט?

הייקעל (שפּרינגט אַרונטער פֿון שלמה'ס געלעגער. טראָגט צו דער אַלטער דאָס גאַנצע קערבעל). איך בין געקומען, געוויס, געקומען. אָט האָב איך דיר דאָס גאַנצע קערבעל געבראַכט, קלייב אויס.

שרה (טאַפּט אין קערבעל). די פֿרישע און ווייכע שפּיר איך צווישען די פֿינגער, נאָר צו איז עס ווייס? (טאַפּט.)

שלמה. פֿאַר וואָס האָסטו מיר ניט צוגעדעקט, הייקעל! דעם שפּין האָסטו געלאָזען לעבען, ער פֿערציהט שוין ווידער אַ שפּינוועבס, הייקעל!

הייקעל (דערלאַנגט שרה'ן חלה). איך געה, איך געה אָט דאָס איז גוט פֿאַר דיר, ס'איז ווייך, אָהן ציינער קענסטו עס עסען.

עזריאל (נעהמט אַרום הייקלען פֿריינדליך און שפּאַצירט מיט איהם אום). צווישען איין באַרג און דעם אַנדערען ליגט אַ טאָל און צווישען איין טייך און דעם אַנדערען ליגט די יבשה. איין טייך גיסט זיך אַריין אין דעם אַנדערען, און אַלע — אין ים אַריין. אַדרבא, זאָל מיר ווער בעווייזען פֿערקעהרט. פֿערשטעהסט עס נישט? אַך, עסען, עסען, (פֿיהרט הייקלען צו אַ וואַנד). שטעה דאָ און היט. איך בעדאַרף נאָך געפֿינען דאָס שטיק יבשה צווישען דעם סמבטיון און דער מדינה פּרס. שטעה זשע און היט — ניט פֿון אָרט און איך וועל געהן עסען. (נעהמט עטליכע שטיקלעך ברויט פֿון קערבעל ניט קלייבענדיג. קייט, שפּאַצירענדיג פֿערטראַכטערהייט).

שלמה. מיר האָסטו פֿערגעסען, הייקעל! כ'וועל דאָס האַרץ מחיה זיין, איך זאָל כּה האָבען צו שילטען, הייקעל!

הייקעל. באַלד, באַלד.

עזריאל. שטעה אויף אַנ'אָרט!

היים. גנה ברענג בעסערע ברויט, גנה בעט, מען זאָל דיר געבען חלה מיט ראָזינקעס, גנה.

הייקעל (בלייבט שטעהן צוטומעלט, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן).

טעלצע (גנעהט צו הייקלען). זאָג מיר הייקעל, ווי זעהען אויס די מענשען אין גאַס? כ'האָב שוין פערגעסען, ווי זיי זעהען אויס, זאָג, דו זעהסט עפּעס קליינינקע קינדערלעך אין גאַס, הייקעל?

היים (קייט). זאָג, הייקעל, אפשר זעהסטו מיין מאַמען אין גאַס? דו געהסט דאָך דעם גאַנצען טאָג אום אין גאַס—זאָג—איך האָב דאָך אַ מאַמען.

שלמה. פאַר וואָס בין איך אַזוי פערשאָלטען געוואָרען? פאַר וואָס האָט מען מיר ניט געלאָזען כאָטש די לינקע האַנד—איינציגוויי וואָלט איך אייך די מחות צושלאָגען.—הייקעל!

הייקעל (כאַפּט דאָס קערבעל און שטעלט עס שלמה'ן צו פוסען). אָט האָסטו דיר דאָס גאַנצע קערבעל.

עזריאל (פיהרט הייקלען צוריק צו דער וואַנד). שטעה אויף דיין אָרט און היט.

שלמה. שטיק פערד!! וואָס טויג מיר דאָס קערבעל, אַז כ'האָב קיין הענד ניט?! הייקעל! דו רייצט זיך אויך מיט מיר?!

טעלצע (קריכט אַראָב פון געלעגער, נעהמט הייקלען פאַר'ן האַנד). קום צו מיר, פאָלג זיי ניט. (זעצט איהם אויפ'ן געלעגער). זיץ דאָ, אָט הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען.

עזריאל (יאָגט איהם נאָך). וואו אַ באַרג און וואו אַ טהאָל וועסטו שוין קיין מאָל נישט געפינען... (שטעלט זיך ביים וואַנד, קוקט אין איין פינטעל אריין).

שלמה (רעגט זיך). נאָר אַ דונער פון הימעל קען אייך אַלעמען אַוועקלעגען. כ'וועל וואַרטען ביז זומער, און וועל גאָט בעטען, ער זאָל אַ דונער אויף אייך אָנשיקען.

שרה. הייקעל, הייקעל!

טעלצע (האַלט איהם צו). הער זיי ניט, הער זיי ניט. זאָל זי זיצען דאָרט, די אַלטע. דערצעהל מיר אַ מעשה. דערצעהל מיר, וואָס דו זעהסט אין די גאַסען—וועמען זעהסטו דאָרט, האַ? דו, הייקעל, ביזט נישט עלענד, דו זעהסט אַלעמען—דערצעהל מיר, וואָס האָסטו היינט געזעהען אין גאַס?

היים (זעצט זיך ווידער אויף דער ערד צייכענען). גנה,

הײַקעל, ברענג חלה מיט אַ סך ראָזינקעס, געז... אויף די מאַ־מע מײַנע.

שלמה. וואָס האָט מען מיר דאָס קערבעל אונטער די נאָז געשטעלט — דער ריח פֿון פֿרישען ברויט זאָל מיר דאָס האַרץ פֿער־ברענען? (שרײַט). נעהמט צו! איהר נעהמט צו, — און ווען ניט (שליי־דערט מיט׳ן פֿוס אַראָב דאָס קערבעל, די שטיקלעך ברויט צופֿלי־הען זיך אין אַלע זײַטען). נאָר איין פֿוס איז מיר פֿערבליבען און מיט איהם וועל איך אַלץ אַרום מיך צושמעטערען!

הײַקעל (וויל זיך אויפֿהויבען). אַ שאָד דאָס ברויט, אַ שאָד דאָס ברויט.

טעלצע (האַלט איהם צו). פֿון פֿריה ביז נאַכט ביזטו אויף יענער זײַט קעלער — הער, וואָס כ׳וועל דיר זאָגען: וועסט בײַ נאַכט אַרויסגעהן אין גאַס, וועסט בעגעגענען אַ קליין קינד, אָדער ווײַבער מיט קליינע קינדער — כאַפּ אַרויס און לעג אין קערבעל אַרײַן, און קום צולויפֿען אַהער — צו מיר.

הײַקעל (קוקט זי אָן פֿערוואונדערט).

שרה. צעהן יאָהר אַז כ׳בין בײַ נחמן׳ן אויפֿ׳ן קבר ניט געוועען. צעהן יאָהר בײַ הוה׳ן אויפֿ׳ן קבר ניט געוועען... בתיה׳ס קבר געדענק איך שוין גאָר ניט — הײַקעל, הײַקעל!

הײַקעל (שטעלט זיך). איך וועל געהן אויפֿקלײַבען דאָס ברויט.

טעלצע (האַלט איהם צו). וועסט אַנדערעס ברויט ברענ־גען... כאַטש נאָר איין נאַכט וויל איך איהם האַלטען נעבען זיך... ער וועט מיט זײַנע הענדטעלעך גראַבלען, גראַבלען... גלעטען זײַן ווייך וואַרים לײַב... בעהאַלטען איהם אונטער דער דעקע... (שעפּ־טשעט איהם וואָס אין אויער).

שלמה. וואָלטען זיי מײַנע קינדער געוועען — איינציגווײַז וואָלט איך זייערע לײַבער צובּיסען, מיט׳ן פֿוס די הערצער צוברעכען... איצט איז מיר געבליבען מיין איינציגער פֿוס צום בײַסען... בײַסען מײַן אייגען לײַב פֿאַר צאָרען, אויף וועמען זאָל איך מײַן כעס אויס־גיסען? — כ׳וועל מיך אַליין... מײַן אייגען לײַב! —

שרה. אַז דער שניי וועט צוגעהן וועל איך בעטען הײַקלען, ער זאָל מיך אַרויספֿיהרען אויף די זון... כ׳וועל געהן אויפֿ׳ן פֿעלד... נחמן׳ס קבר וועל איך נאָך דערקענען. כ׳וועל דעם צייכען אָנטאַפּען — דעם שטעקען, וואָס כ׳האָב אין קבר אַרײַנגעשטעלט... בײַ הוה׳ן אויפֿ׳ן קבר מוז נאָך דאָס וויגעלע ליגען... הײַקעל, הײַקעל!

טעלצע (האַלט הײַקלען. סעפּטשעט איהם אין אויער).

ע ז ר י א ל (מיט גרויס שמחה. פערקוועטשט דאס היטעל אויפ'ן קאפ). געפונען דעם גלייכען וועג! אלץ געפונען — דערגאנגען! (שלעפט ארויס א געלעגער אויפ'ן מיטען שטוב. שטעלט זיך אויף איהם און טאפט מיט שמחה דעם סופית). אט האב איך דעם גאנצען הימעל ביי זיך אויפ'ן האנד — אלץ אויפ'ן האנד! פינטלעך און פאסקעס; פאסקעס און פינטלעך — גאר קיין נייעס אויף דער וועלט ניטא. אדרבא, זאל מיר ווער בעווייזען פערקעהרט. איצט פערשטעה איך שוין דעם סוד, פאר וואס דער רעגען גיסט זיך דוקא פון אויבען און ניט פערקעהרט... (מיט שמחה.) גאר קיין נייעס אויף דער וועלט ניטא; גאר קיין נייעס אויף דער וועלט ניטא... אלץ די אייגענע בערג... אלץ די אייגענע ים'ען... אלץ די אייגענע טייכען... אט דאס איז דער סוד פון דעם רעגען... גאר קיין נייעס, גאר קיין נייעס. — אלץ אויפ'ן האנד. (פיהרט מיט'ן פינגער איבער'ן סופית. רעדט צו זיך אליין).

ט ע ל צ ע (שטעהט אויף, נעהמט הייקלען אונטערן אָרעם און פיהרט איהם צו דער טהיר). איצטער געה. געדענק, וואס כ'האב דיר אנגעזאגט... אט ווי איך האב דיר געלערענט.

ה י י ק ע ל (עקשנ'ט זיך). לאז, כ'וועל נעהמען דאס קערבעל... ברענגען האלץ. נאך ברויט (כאפט דאס קערבעל).

ש ל מ ה. איך וועל פון הונגער שטארבען! הייקעל, וואוהין?!

ט ע ל צ ע (שטופט איהם ארויס אויף דער גאס). געה, געה גיכער, נאכט וועסטו קומען... ביי נאכט וועסטו קומען (געהט צוריק אויפ'ן געלעגער. ליידענשאפטליך) איין נאכט... איין נאכט... אונטער דער דעקע... ער וועט זוכען מיט זיינע קליינע הענדטעלעך... גראבלען... גראבלען... דאס לייב. די ברוסט (פערטראכט זיך שטארק).

ח י י ם (כאפט זיך אויף, לויפט צו צו דער טהיר און קלאפט מיט'ן פויסט). הייקעל! די מאמע!.. מיין מאמען! הייקעל! געדענק, די מאמע!

ש ל מ ה (שרייט): הייקעל, וואוהין! א דונער זאל דיר אויפ'ן וועג איינברעכען! געה צוריק! נאר איין ביסען ברויט לעג מיר אין מויל אריין, איין ביסען ברויט! (הערט זיך צו). כ'וועל בייסען מיין לייב. כ'וועל גריזען מיינע בייזער... כ'וועל צורייסען מיין הארץ און דאס בלוט אויסטרינקען (הערט זיך צו). איהר זענט טויב?! (שרייט מורא'דיג. אין פויזען). איהר זענט טויב?!.. הערט!.. הערט, הערט!.. איין ביסען ברויט לעגט אין מויל!.. איין בי—סען ברויט!.. — דעם — שפין — טרייבט א—ראב!!! (פויזע).

שרה (רעדט פּאַמעלעך): איינציגוויַיז, איינציגוויַיז זענען אויסגעשטאָרבען מיַינע קינדער... איינציגוויַיז, איינציגוויַיז אויסגעשטאָרבען די אייניקלעך... איינציגוויַיז, איינציגוויַיז אַרויסגעפאַלען די ציינער... ביסלעכוויַיז, ביסלעכוויַיז פינסטער געוואָרען אין די אויגען... ביסלעכוויַיז, ביסלעכוויַיז געהט אַלץ פערביַי!.. אַלץ פערביַי... (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ ביז זי דרעמעלט איַין).